STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03428

GEZAMLTE DRAMEN

B. Daymondshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע דראַמען

— פון —

ב. דיימאָנדשטיין

דריטער באַנד

Property of Vinnie Reading
club. by Samuel Ane Calof

אַלע סקולפטורן אין דעם בוך זיינען געמאַכט פון ב. דיימאַנדשטיין

פאַרלאַג: „ליטעראַרישע העפטן"

טאהאָנגאַ 1953 קאַליפאָרניע

GEZAMLTE DRAMEN

Collected Dramas

By BORIS DIMONDSTEIN

VOL. III

צום אנדענק דעם קרבן מיכאַעלס
וועלכער האָט מיר אַמאָל צוגעזאָגט אויפצושפּילן מיינע דראַמען

אויב אין די דראַמען טרעפט זיך אַן ענלעכקייט פון אַ פּערזאָן, פּערזאָנען, נעמען,
אָדער אַ פּאַסירונג, איז דאָס בלויז אַ צופעליקייט פון דעם מחבר'ס פאַנטאַזיע.

• • •

Copyright by
B. DIMONDSTEIN
10143 Mountair Ave.
Tujunga, Calif.
1 9 5 3

★

PRINTED IN U.S.A.

ATLAS TYPESETTING CO.
221 San Fernando Bldg.
Los Angeles (13) Calif.

דראַמען פון דריטן באַנד

- **דוד און בת-שבע** — דראַמאַטישע פּאָעמע
- **נס מן השמים** — מלחמה-מדינת ישראל
- **נאַטור קעגן מענטש** — אָדער מענטש קעגן גאָט
- **אין ראָד פון לעבן** — פאַמיליע דראַמע
- **דער דיכטער און זיין מיידל** — דראַמאַטישע פּאָעמע
- **חוהלע** — אַ קינדער-שפּיל
- **די בלינדע און איר טאָכטער**
- **מגפה** — פון דער פאַרגאַנגענהייט
- **אין די קייטן פון לעבן**
- **דערוואַכונג**
- **ראָזעלע** — קינדער-שפּיל
- **פאַנטאַזיע**
- **צוריק אַהיים**

דוד און בת-שבע

דוד און בת-שבע

(אַ ביבלישע פּאָעטישע דראַמאַטיזאַציע אין זעקס בילדער)

(געשריבן אין 1913. אַביסל איבערגעאַרבעט. אייניקע שורות גענוצט פון יהואש'עס איבערזעצונג)

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

אוריה החתי	ירחמיאל	דוד המלך
בת-שבע	שליחים	מיניסטער
נתן הנביא	טענצערינס	באַדינער

שלאָפלאָז איז די נאַכט פאַר דוד המלך — וואָך
אין קאַיאָר האָט ער דורך זיין טורעם, דערבליקט
אַ יונגפרוי, אַ צאַרטע, זיך געטובלט אויפן דאַך—
פון איר קערפּער קלאָרן ז'ער געוואָרן אַנטציקט...
אַזוי יעדן פרימאָרגן פלעגט ער אויפשטיין גאַנץ-פרי,
מיט זשעדנע בליקן זעטיקן זיין אויג.
ז'איז דערשינען פאַר אים, ווי אַ טרוים-פּאָעזי,
איר קערפּער, ווי פון ווייס זעמל-טייג.
איז ער אין פלאַמיקן רייץ און באַגער
אין מוח און האַרץ אים געבריט.
זיין טראָט איז געוואָרן אים שווער
און ס'האָט זיך זיין תאווה צעגליט...

ערשטע בילד

די בינע: אַ גרויסע קעניגלעכע קאַנצעלאַריע, פול מיט כלי-זין און לאַנד-קאַרטן אויף די ווענט. דוד זיצט אויף זיין קעניגלעכער שטול. ער רעדט מיט זיין הויפּט-מיניסטער. זיי קוקן אין די לאַנד-קאַרטעס. די פּערזאָנען זיינען געקליידעט ווי אין דער ביבלישער עפּאָכע.

דוד: (צו זיין הויפּט-מיניסטער):

איך האָב פיל מאָל אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט
געזען יעדן פרימאָרגן, אַ וואונדערשיינע פרוי:
ווער איז זי? ברענגט זי צו מיר; איז זי איינע פון מיינע קנעכט?—
איר לייב איז ווי אַ ווייסע בלום אין מאָרגן-טוי...
ברענגט זי צו מיר, מיין היציק אָטעם קילן.
צעדרייט איז מיין טראַכטן פון גלייכן וועג;
אין מיינע שלייפן, ווי טרומייטן וואָלטן ברילן—
קיין רו גיט מיר נישט, קיין שעה, מיינע טעג.
כ'האָב מיט וויין געוואָלט פאַרטרינקען די פאַרלאַנגען,
נאָר נאָכ'ן אויפוואַכן האָט פייער שטאַרקער זיך צעברענט;
זי האָט פאַרכישופט מיך, אין צוואַנגען,
געבונדן מיך, די פיס און הענט.
וואו איך גיי און שטיי, זי ליגט אין מיין זכרון,
ביים טיש, אין בעט, זי שטייט מיר פאַר די אויגן;

כ׳גיי פאַרחלומט, כ׳בין שוין מיד געוואָרן—
כ׳וויל מיין האַרץ פאַר אירע פיס אַוועקלייגן...

מיניסטער: (ער ווינקט צו איינעם פון די קנעכט, ער זאָל גיין אויסגעפינען וועגן דער פרוי):
גרויסער קעניג, ס׳זאָל דיין באַפעל פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן,
און זאָל די ליליע מיט איר ריח דיך באַפרידיקן,
און זאָל דאָס רו און דיין גרויסמוט זיך אומקערן—
און איינשטילן דאָס בלוט אין דיר פון זידן...
איך וועל זי ברענגען, געבאָדן אין מילך און בשמים
און אין דינסטן זייד איר קערפּער הילן;
פון צירונג־בליצנדע וועט דורכשיינען איר פּנים
און עס וועט דיין אויפבּרויז אין דיר אָפּקילן.

דוד: (מיט פּאַטאָס): נו, גיי, מיניסטער טרייער, כ׳וועל דיך גוט באַלוינען.
מיין מוח מישט אין מיר פון באַגער;
אין גרעסטן גלאַנץ זאָלט איר זי באַקרוינען.—
גיי, מיין טרייער, ברייננג די יונגפרוי מיר אַהער.

קנעכט: (דערשיינט. רעדט שטיל צום מיניסטער. אָפּ).

מיניסטער: (קניט פאַר דודן):
אַדוני המלך, איר נאָמען איז בת־שבע, די ווייב,
די ווייב פון אוריה דעם חתי, דיין קנעכט;
ווי פאַרצעליי קלאָר איז, און דורכזיכטיק איר לייב—
מיט איר פאַרברענגען—גן־עדן איז די נעכט — —

דוד: איז די שיינהייט דאָ? ברענגט די ליכטיקע אַריין.
טוט זי אָן אין צירינג, טוט זי אָן אין פּלוש;
זאָלן אירע לאָקן, ווייך, אָפּגלאַנצן מיט שיין —
אין גאָלדענע סאַנדאַלן טרעטן זאָל איר טראָט.
זאָלן כלי־זמר שפּילן, האַרפּן און טרומייטן.
מיט ווייַנען און בשמים—פול זאָל זיין דער טיש.
בלומען און גאַלאַנדרעס; פאַרשידענע די קוויטן —
ערשט פון בוים געריסן—ריחדיק און פריש.
און זע זאָל זיין מיין פידל, באַציט מיט סטרונעס־פרישע,
מיט פידל־וואָקס באַשמירט דעם בויגן
און טענצערינס שיק אַריינעט, מיט שטימען זיסע,
און ליכט צינד אָן ס׳זאָל בלענדן אַזש די אויגן!
און בעט אויס מיט טויבן־פוך די בעטן,
מיט זייד באַצירט די קישנס־ציך,
עס זאָל איר לייב מיט צאַרטקייט גלעטן
און ווי אין טרוים זאָל זי פילן זיך.
(צוויי יעוונוכן (סריסים) פירן בת־שבען אַריין).

בת־שבע: (קניט פאַר דוד׳ס פיס):
דאָ בין איך, גרויסער קעניג; איך שטיי פאַר דיר, דיין דינסט.
ס׳איז מיין גרעסטער כבוד, וואָס דו אין מיר געפינסט...

דוד: די צאַרטע בלום, די שענסטע אין מיינע אויגן,
פון וועמענס טראַכט, פון וועמעס בריסט האָסטו געזויגן?

בת-שבע: כ'בין די טאָכטער פון מיין מוטער, אליאַמען
און די ווייב פון אוריהן דעם חתי—זיין נאָמען.

דוד: (צו די דינסטן):
טאַנצט פאַר דער שענסטער יונגפרוי פון מיין לאַנד,
זי שיינט ווי די זון אונטער ישראלס בלויען הימל;
איר שיינקייט איז אַ וואונדער, ס'ליגט אויף איר גאָטס האַנט,
ווי פון אַן אַנדער וועלט—אַ צויבערדיקער דרימל...
(עס טאַנצן די מוידן, עס שפילן די האַרפן, עס פייפן די פאַפּיאַלן־פלייטן.
די טישן געגרייט מיט ווײַנען און אַלערליי עסנס).

דוד: זעץ זיך, מיין שיינהייט, אָט דאָ ביי מיין זייט,
רוק זיך צו בעענטער, ניט שטיי אַזוי ווייט.
לאָמיר דיין וואַרעמקייט, דיין אָטעם דערפילן,
דיין ריטמישן שמייכל, דיין טראָט דעם שטילן.

בת-שבע: (גייט צו, שעמעוודיק, זעצט די לעבן דודן).

דוד: טרינק און עס, ס'איז אַלעס געגרייט פאַר דיר,
און איך וועל אויף מיין פידל זינגען דיר אַ שיר
און זעטיקן די בליקן מיינע—ביזט שענער פון אַ בלום;
פערל שנירלען דיינע ציינער, ווען דו שמייכלסט־שטום.
(שפּילט און זינגט):
פון וואָס ביזטו שיינהייט, געקנאָטן ?
פון האָניק און פון בלומען־זאַפט ?
קוקן אויף דיר דאַרף איך ניט קיין נאָטן —
דיין זיסער שמייכל איז פול מיט זאַפט.
(לייגט אַוועק דיין פידל און הייסט אַלעמען פאַרלאָזן דאָס צימער. ער גייט
צו צו בת־שבען, נעמט זי אַרום, קוקט איר אין די אויגן):
ווי שטערן אין הימל, ס'גלאַנצט דיינע אויגן,
דיין רייצנדן קערפּער זאָלסטו מיר ענטהוילן;
אַ בלום מעג זיך שעמען פון שמייכל פון דיינעם.
די בריסטן ציטראָנען, דיין קערפער ווי מאַרמאָר;
געשניצט פון אַ קינסטלער פון איידעלען, פיינעם.

בת-שבע: גנעדיקער קעניג, זיי צו מיר גנעדיק.
בין אַן אשת־איש—אוריה מיין מאַן איז;
ער איז אין מלחמה, אַ זעלנער, אין דיינע אַרמייען,
אַ מעכטיקער, שטאַרקער, אַ קערפער—אַ ריז !

דוד: ליבסטו אים מער פון מיר, דיין קעניג ?
איך וועל אים דערהויבן, אַ נשיא צו ווערן;
אַ שר־צבא פון טויזנט, און אפשר נאָר מער—
צו האַלטן מיין צוזאָג, איך וועל זיך באַשווערן.
(ער לייגט זי אויפן פוכיקן בעט).

בת-שבע: כ'בין אַן אשת־איש, דו מעכטיקער קעניג;
כ'בין אין דיין רשות, איך בין אונטערטעניק.
דו ווילסט מיך באַמאַנען, איך קאָן דיך נישט ביישטיין—
ווייל דו ביזט דער באַפעלער—און דו טראָגסט די קרוין !
(פ אָ ר ה אַ נ ג)

צווייטע בילד

אין דוד'ס אויפנאַם-צימער: אַ האַרפּע, אַלערליי מוזיק אינסטרומענטן. ווייכע סאָפעס און אַנטיקגעשניצטע טישן; ווייכע אָרעם־שטולן, מאַרמאָרנע טישלעך מיט גאָלד־באַלייגטע ברעגן. בלומענטעפּ, אַלערליי כלי־זין. זיין פידל אויף אַ טישל לעבן אים. דוד זיצט לעבן זיין שרייבטיש, קוקט אַריין אין אַ מלחמה לאַנד־קאַרטע. אַ דינער באַווייזט זיך מיט אַ בריוו אויף אַ גאָלדן טעצל; בלייבט שטיין אין אַריינגאַנג.

דוד: (דערזעט אים): וואָס פאַרלאַנגסטו, ירחמיאל?

דינער: (פאַרנייגט זיך): אַ בריוו, אַדוני המלך.

דוד: ברענג אים צו מיר.

דינער: (בוקנדיק זיך, רוקט אים אונטער דאָס טעצל).

דוד: (נעמט דאָס בריוו): קאָנסט גיין, ירחמיאל.

דינער: (קניט, רוקט זיך הינטערווייַלעכס אַרויס. אָפּ).

דוד: (עפנט דאָס בריוו, שפרינגט אויף, שפּאַנט הין־און־צוריק): אַך, אַך, וואָס טוט מען? וואָס טו איך דערצו? זי איז מעוברת געוואָרן!... (פאַרטראַכט זיך): ירחמיאל! ירחמיאל!

דינער: (קומט אַריין, בוקט זיך): וואָס פאַרלאַנגט דער קעניג?

דוד: שיק אַ שליח צו אוריה החתי, ער זאָל גלייך קומען צו מיר.

דינער: גלייך, אַדוני המלך. אַ רייטער וועט תיכּף דעם קיניגס באַפעל דורכפירן. (קניט הינטערווייַלעכץ. אָפּ).

דוד: (שפּאַנט נערוועז הין און צוריק. בלייבט שטיין, קוקט אַריין אין לאַנד־מפּה. לייגט די אַוועק צוריק): ס'גייט ניט אין קאָפּ!

אַך, וואָרום רייצט אונדז דער יצר־הרע?
ער רייצט אונדז צום פאַרבאָטענעם עפּל;
פאַרשפּרעכט אונדז גליק און סם גיט אין טעפּל...
פאַר מינוטן גליק, צרות פיל שווערע;
פאַר אַ זוניקן שמייכל—פינסטערע טעג;
פאַר אַ בעכערל וויין: צען קייפּלעך לערע...
פאַרן פאַלשן טראַט—שווער ווערט דיין וועג!

דינער: (בוקט זיך ביים אַריינגיין): אַדוני המלך, אוריה איז אויפן וועג מיט שליחות פון יואָב'ן.

דוד: ווען ער קומט, שיק אים גלייך אַריין.

דינער: ווי דער קעניג באַפעלט, אַדוני המלך. (הינטערווייַלעכץ גייט ער אַרויס).

אוריה: (באַווייזט זיך ביים טיר אַריינגאַנג. בלייבט שטיין מיטן קאָפּ אַרונטער).

דוד: קום אַריין, אוריה, קום אַריין. אַן אַנגעלייגטער גאַסט. קום אַריין! האָסט אַ בריוו פאַר מיר?

אוריה: (קניט און בלייבט שטיין לעבן דודן; גיט אים דעם בריוו).

דוד: (גיט אים די האַנט): שלום, אוריה!

אוריה: (קושט אים די האַנט): שלום, מיין קעניג!

דוד: (גיסט אַן צוויי בעכער מיט וויין): לחיים אוריה, צו געזונט! (טרינקט).

אוריה: (נעמט דעם בעכער): יחי המלך! צום גרויסן קעניג! (טרינקט).

דוד: וואָס הערט זיך אויפן שלאַכטפעלד, אוריה? ווי גייט די מלחמה?

אוריה: זייער גוט, גנעדיקער קעניג. מיר שלאָגן דעם שונא. מיר טרייבן דעם שונא.

דוד: זייער גוט, זייער גוט. כ'האָב געוואוסט וועסט מיר גוטן גרוס ברענגען. זעץ זיך, אָט דאָ, לעבן מיר, און טרינק נאָך אַ בעכער מיט ווייַן. אַזוי, אַזוי: ווי לאַנג ביזטו שוין פון דער היים, אוריה?

אוריה: אַ יאָר, גנעדיקער קעניג, אַ יאָר!

דוד: אַ יאָר, אַז דו האָסט ניט געזען דייַן ווייב?

אוריה: אַ יאָר, גנעדיקער קעניג!

דוד: טרינק נאָך אַ בעכער מיט ווייַן. (גיסט אים אָן): טרינק צום נצחון פון אונדזערע אַרמייען.

אוריה (טרינקט): צום קעניג'ס געזונט!

דוד: כ'האָב געהערט אין בריוו פון דייַן העלדישקייט אויפן פראָנט. האָב באַשלאָסן דיר דערהויבן צו אַ שר־אַלפים, אַ קאָמאַנדיר איבער טויזנט.

אוריה: (פאַלט אויף די קני): גנעדיקער קיניג—אַ גרויסן דאַנק! (קושט זייַנע פיס): זאָל דער מלך מיר דערלויבן גלייך גיין צוריק צום פראָנט!

דוד: צו וואָס דאָס אייַלן זיך, אוריה? גיי זע דייַן ווייב, זי בענקט דאָך נאָך דיר. האָסט זיך אַ גאַנצן יאָר מיט דייַן ווייב ניט באַהעפט.

אוריה: כ'דאַנק דיר, גרויסמוטיקער קעניג; נאָר כ'וויל ניט גיין צו מייַן ווייב.

דוד: וואָרום נישט, אוריה? האָסט זי נישט ליב?

אוריה: ניין, מעכטיקער קעניג, טאַקע ווייל איך ליב זי! כ'האָב מורא. איך שרעק זיך, כ'וועל פאַרלירן מייַן מוט צו גיין צוריק אין מלחמה. כ'בעט דיר, קעניג, הייס מיר ניט גיין צו מייַן ווייב!

דוד: (אומרואיק): טרינק נאָך אַ בעכער ווייַן, אוריה.

אוריה: (טרינקט און דוד גיסט צו, ער פילט שוין די ווייַן):
כ'דאַנק דיר, גרויסמעכטיקער קעניג דו מייַן,
כ'וועל ביי מייַן ווייב אין קורצן באַלד זייַן;
כ'וועל איר די בשורה אין בעט שטיל אויסזאָגן
און זי וועט פאַר שמחה זיך פרייען און קלאָגן.

דוד: אוריה, טרינק נאָך אַ בעכער, דער ווייַן איז אַ זיסער;
נאָך טרינקען זייַן וועסטו מוטיקער און פרישער;
מוזט עסן מיט מיר הייַנט, איך טו דיר באַשווערן—
עס, פיל־אָן־זיך, וועסטו שטאַרקער באַגערן!...

(זיי עסן און טרינקען. אוריה גייט אַרויס אַ פאַרטרונקענער).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטע בילד

(דערזעלבער צימער. דוד עסט אַנבייסן)

דוד: (צום דינער): איז אוריה נעכטן גלייך אַהיימגעגאַנגען?

דינער: ניין, מיין קעניג. ער האָט געגעכטיקט אויף די טרעפּן פון פּאַלאַץ.

דוד: (שפּרינגט אויף צאָרנדיק, שפּאַנט הין און צוריק. שטעלט זיך אָפּ, טראַכט): שיק אים צו מיר!

דינער: ווי איר פאַרלאַנגט, מעכטיקער קעניג. (אָפּ הינטערווייַלעכץ).

דוד: דער דער אידיאָט, דער טיפּש! ווארום איז ער אַהיים ניט געגאַנגען? (בייסט זיך די נעגל).

(אוריה און דער דינער דערשיינען ביים אַריינגאַנג מיט געבויגענע קעפּ).

דוד: קום אַריין, אוריה. (צום דינער): דו קאָנסט גיין. אוריה, אוריה, ווארום ביזטו נישט צו דיין ווייב געגאַנגען שלאָפן? ווארום?

אוריה: (בוקט זיך פאַר אים): כ'האָב מורא געהאַט, מעכטיקער קעניג. כ'קאָן מיין ווייב: זי וואָלט זיך צעקלאָגט, כ'זאָל בלייבן מיט איר.

דוד: אַט וועל איך דיר געבן אַ בריוו צו יואָבן. דאָ באַשטעטיק איך, אַז כ'האָב דיר געמאַכט פאַר אַן עלצטן איבער טויזנט זעלנער. (ער פאַרחתמעט מיט טריוואַקס דעם בריוו. גיט עס צו אוריהן).

אוריה: (פאַלט אויף די קני, קושט אים די פיס. אָפּ).

דוד: (שפּאַנט הין און צוריק. ברעכט זיך די הענט. דעקט צו דיין פנים מיט די הענט, פאַלט אַריין אין אַ שטול, צעכליפּעט זיך. נאָך אַ קליינער פּאַוזע, גייט ער צו און גיסט זיך אַן אַ בעכער וויין און אַ צווייטן. נעמט די פידל און פאַרגייט אין אַ טרויעריקן שפּילן. ביים שפּילן בייגט ער זיך שטאַרק, ווי ער וואָלט צו אימיצן געריידט, געטענהט; זינגט):

שפּיל מיין פידל, טרייסט מיין געוויסן;
מיין זינד פון גאָט, ווער קאָן דאָס פאַרשליסן?

(פאַרטראַכט זיך): אוריה, אוריה! פאַרוואָס ביזטו צו דיין ווייב ניט געגאַנגען? ווארום? וואָלסט אָפּגעמעקט איר פלעק און מיין זינד, אַביסל גרינגער מיין חטא מיר געמאַכט!

(ס'הערט זיך טרומפּייטן; זעלנער גייען פאַרביי דעם פּאַלאַץ).

שטימען: זאָל לעבן דער קיניג דוד, זאָל לעבן דער קיניג דוד!

דוד: (פאַלט אַריין אין אַ ווייכער שטול, פאַרדעקט דיין פנים, וויינט):

איך בין מתפּלל צו דיר, אַ גאָט, רבונו־של־עולם.
כ'ווייס דו ווייסט, וואָס כ'טראָג אין מיין האַרצן.
ס'איז אָפן פאַר דיר די טיף פון מיין טראַכטן,
וואָס וועט אין דיינע אויגן מיך אייביק פאַרשוואַרצן...
צו שוואַך קעגן שטן — פאַרבלענדט ווי אַ בלינדער.
פאַרוועבט מיינע אויגן — מיך געמאַכט פאַר אַ זינדער!
כ'גיס פאַר דיר טרערן, שומר געדעכטער.
עבירה גוררת עבירה — כ'בין אַ שלעכטער! —
צו פאַרדעקן איין זינד — טו איך אַ צווייטע —
צו קריגן דיין שטראָף שטיי איך אַ גרייטער...

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

פערטע בילד

(אין זעלבן צימער. דוד זיצט פאַרטראַכט אין אַ לאַנד־מפּה. פיר וואַכן שפּעטער).

באַדינער: (קומט אַריין, נייגט זיך, בלייבט שטיין. דוד דערזעט אים).

דוד: פאַרלאַנגסט עפּעס ?

באַדינער: אַ שליח פון יואָבן, מעכטיקער קיניג.

דוד: שיק אים אַריין.

באַדינער: (בייגט זיך הינטערווייַלעכץ, גייט אַרויס).

דוד: (לייגט אַוועק די לאַנד־קאַרטע, גיסט זיך אָן אַ בעכער ווייַן).

(באַדינער מיטן שליח בלייבן שטיין אין אַריינגאַנג, קעפּ אַרונטער).

דוד: (צום שליח): וואָס איז די גוטע נייעס פון יואָבן? איך האָף ס'איז גוטע נייעס.

שליח: (אויף די קני): הויכגעשעצטער קיניג. ס'איז ניט גאָר קיין גוטע נייעס! דער פיינט, דאָס מאָל, איז געווען שטאַרקער פון אונדז און ס'זיינען געפאַלן אַ סך חיל, און אוריה דער חתי איז אויך דערהרגעט געוואָרן.

דוד: שטעל זיך אויף, שליח. אָט נאַדיר אַ בעכער ווייַן.

שליח: (טרינקט דאַרשטיק).

דוד: ביזט מסתמא הונגעריק, שליח? גיי צום באַדינער און זאָג אים מען זאָל דיר געבן גוט עסן און צדה־לדרך און יואָבן זאָלסטו זאָגן: גאָט זאָל זיין מיט אים; אין מלחמה מוזן פאַלן קרבנות. זאָל ער מלחמה האַלטן און איינגעמען די שטאָט און פאַרניכטן דעם פיינט.

שליח: געבענטשט זיי, גנעדיקער קיניג. כ'וועל אַלץ ריכטיק און זיכער איבער־געבן דיין באַפעל! (גייט אַרויס הינטערווייַלעכץ).

דוד: (שפּאַנט אַרום אַהין און צוריק; בלייבט שטיין בײַם שפּיגל):

קיין פרוי האָט מיך נישט באַרוישט מיט אַזאַ העלישן ווילן,
קיין פרוי האָב איך נאָך ניט געזען מיט אַזאַ ווייסן לייב.
אַפילו מיין פידל־קלאַנג האָט נישט געקענט אַפּקילן
דעם צויבער פון דער יונגער שיינער ווייב.
זי איז פאַר מיר דערשינען ווי אַ שטערן אין פרימאָרגן,
זי איז אויפגעגאַנגען מיט בלענד פון דעם קאַיאָר;
ס'איז אין מיר אַדורך אַ ציטער־פרייד—און דאָך מיט זאָרגן—
צו ווירקלעך איז זי אַ מענטש, אָדער אַ מלאך גאָר?!
אָט באַלד וועל איך זי, אין איר צויבער בליקן;
אָט באַלד וועל איך זי אין מיינע אָרעמס פילן.
באַלד וועל איך איר פּנים צו מיין ברוסט דריקן;
אַ סערענאַדע אויף מיין פידל פאַר איר שפּילן.

(ער פאַלט אַריין אין אַ שטול מיד און אומעטיק, פאַרדעקט זיין פּנים מיט די הענט): וועט גאָט דאָס מיר פאַרגעבן? גאָט זעט אַלעס! (שטעלט זיך אויף, גיסט זיך אָן נאָך אַ בעכער וויין, טרינקט עס גלייך אויס אין איין אָטעם): מיין פאַלק וואָלט נאָר וויסן, וואָלטן זיי מיך פאַרהאַסט!... (נעמט די פידל, ציט אָן די סטרונעס, פּרוּווט די טאָנען, שפּילט. עס פאַלט צו די נאַכט. דער דינער באַווייזט זיך אין טיר):

דינער: (בוקט זיך): וואָלט דער גנעדיקער קיניג עסן אָוונט־ברויט ?

דוד: (טוט זיך צו אים אַ קער): אַ יאָ, כ'בין טאַקע הונגעריק. ברענג מיר לעמ־ברוסט אין וויין געבראָטן, מיט נעגעלעך־בשמים; געפּרעגלטע יונגע קאַר־טאָפל, מערעלעך און גרינע אַרבעס. (שווייגט).

באַדינער: אַדוני המלך: וואָס פאַרשפּייז? וואָס צושפּייז?

דוד: נישט מער היינט. ברענג מיר ווייַן אַ פּאָר פלאַשן.

באַדינער: ווי דער מלך באַפעלט! (גייט אַרויס הינטערווייַלעכץ).

דוד: ס׳איז עפּעס; עפּעס בין איך צו־קאַלט היינט; צו־שטיל; צו־רואיק! צי איז נישט די רואיקייט פאַר אַ שטורעם? עפּעס וועט מיר דאָס גלאַט נישט אַדורכגיין. איך פיל ווי דער רבונו־של־עולם קוקט אויף מיר. ער זעט אַלעס, ער זעט, ער זעט!..

(ער גיסט זיך אָן ווייַן און טרינקט).

באַדינער: (קומט אַריין, בלייבט שטיין ביים טיר, קאָפּ געבויגן).

דוד: פאַרלאַנגסט וואָס, באַדינער?

באַדינער: (קניט זיך פאַר אים): אַ שליח פון בת־שבען!

דוד: שיק אים אַריין.

שליח: (בוקט זיך פאַר אים און קושט זיינע פיס).

דוד: זאָג, וואָס איז די שליחות?

שליח: בת־שבע האָט מיר געהייסן איבערגעבן, אַז איר מאַן אוריה דער חתי איז אין מלחמה געהאַרגעט געוואָרן!

דוד: זאָג בת־שבען, אַז איך טייל מיט איר צער און נאָך שבעה וועל איך איר לאָזן וויסן.... (צום באַדינער): לאָד אָן אַ קעמל מיט שפּייז, פּרוכטן און ווייַנען און גיב דאָס צום שליח פאַר בת־שבען.

באַדינער און שליח: (ביידע בוקן זיך און גייען אַרויס הינטערווייַלעכץ).

דוד: ער איז דאָך איר מאַן געווען. זי מוז ליידן פיל... שטאַרק! איך וואָלט זי גלייך גענומען צו מיר, נאָר וואָס וועלן מענטשן זאָגן? יאָ, נאָך שבעה, נאָך שלושים, וועט מער פּאַסענד זיין...

(באַדינער טראָגן אַריין דיין אָונט־ברויט אויף גאָלדענע טאַצן).

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

פינפטע בילד

אין גאָרטן פון פּאַלאַץ. עס הערט זיך פויגעלעך זינגען, דאָס באַלבען פון פּאַפּוגייען. ס׳זיינען אָנגעשטעלט אַלערליי פּרוכטן און געטראַנקען אויף אַ לאַנגן טיש. רוי־בעטלעך און רוי־דיוואַנען, שטולן און פוס־בענקלעך. בת־שבע ליגט אויף אַ ווייכן דיוואַן־סאָפע, אָנגעטאָן אין אַ בלויען זיידע־נעם כאַלאַט פאַרגאַרטלט און עסט אַ פּרוכט. דוד זיצט אויף אַ ווייכן שטול און שמועסט מיט איר. באַדינער שטייען פון ווייטן און וואַרטן אויף באַפעלן.

דוד: ווי פילסטו, מיין טייערע? ווילסטו אפשר אַ טרונק עפּעס?

בת-שבע: (שמייכלט): ניין, מיין טייערער קיניג דוד. די פּרוכט האָט גענוג זאַפט. אפשר שפּעטער.

דוד: (נעמט איר האַנט און גלעט זי):

דעם הימל זע איך אין דיינע אויגן,\
אין דיין שמייכל, די רויטע בלום.\
צו דיר מיך ציט, פאַר דיר זיך נויגן\
און בענטשן דיך, אין שטילן—שטום.\
דו מאַכסט מיין לעבן יונג און פריילעך;\
יוגנט־וואַרעמקייט עס שלאָגט פון דיר;

מיט דיר פאַרגעס איך אַז איך בין מלך—
דו ביזט נאָר איינע אין האַרץ ביי מיר.
מיט דיר ביינאַכט, איז ליכט אין מיין נשמה;
דו לייכסט פאַר מיר ווי זון בייטאָג.
דיינע האָר—די פאַרב פון דער לבנה —
דו ביזט דער אוצר און מיין פאַרמאָג.

בת־שבע: איך האָב דיך ליב, דוד. (קושט אים).
דו האָטס מיך פון דערנידער הויך דערהויבן.
איך קאָן דאָס גליק זיך אַליין ניט גלויבן.
דו האָסט אין מיר דעם גלויבן אָנגעצונדן,
זינט דו האָסט מיין לייב מיט דיר פאַרבונדן...

דוד, וואָלסטו געזאָגט דעם דינער, ער זאָל אַ טרונק מיר ברענגען

דוד: איך וועל דיר ברענגען, איך וויל דיך באַדינען!
(ער ברענגט אַ בעכער מיט וויין).

בת־שבע: (קושט אים די האַנט): אַ דאַנק דיר, דוד, דו ביזט ניט נאָר קלוג, נאָר אויך גוט... מיט דיר פאַרגעס איך מיין פאַרגאַנגענהייט...

דינער: (באַווייזט זיך פאַר דודן): אַדוני המלך: נתן הנביא איז דאָ.

דוד (צו בת־שבען): אַנטשולדיק, ליבע ווייב מיינע, איך מוז מיט נתנען ריידן. אַז ער קומט מוז עפּעס זייער וויכטיקעס זיין!

בת־שבע: גיי מיין ליבער דוד, און שלום זאָל זיין אין דיין וועג!

דוד: (קושט זי און גייט אַרויס).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

זעקסטע בילד

(אין דוד׳ס אויפנאַם־צימער. דאָרטן שטייט שוין נתן הנביא.)

דוד: (זעצט זיך אויף זיין טראָן־שטול פון גאָלד און דימענטן. די ווענט באַהאַנגען מיט אַלערליי כלי־זיין און פלוש פון אַלערליי קאָלירן און פאַרבן).

נתן: (נייגט זיך פאַר אים): שלום צום מלך דוד!

דוד: ליבער נתן, וואָס ברענגט דיך, ליבער, היינט צו מיר? הגם דו ביזט וועל־קאָמען צו אַלע צייטן, הייליקער מאַן!

נתן: איך וועל דיר, דוד, אַ מעשהלע דערציילן. אַזוי ווי דו ביזט אַן ערנטלעכער מענטש און אַ שופט חכם... וויל איך דיר אַז דו זאָלסט משפטן נאָך דיין שכל הישר...

דוד: נו, לאָמיר הערן, נתן, ס׳מוז זיין זייער אינטערעסאַנט, אַז דו אַליין קומסט מיך מאַכן פאַרן שופט!

נתן: הער זיך איין, מיין קיניג דוד. די מעשה פאַנגט זיך אָן אַזוי: ס׳זיינען צוויי מענטשן געווען אין איין שטאָט. איינער איז געווען אַ רייכער, האָט אַלעס פאַרמאָגט; האָט געהאַט אַ סך רינדער, שאָף, פערד און בהמות; גאָלד און דימענטן; פּאַלאַצן און פעלדער; אַלץ אַ סך!... דער צווייטער איז געווען אַזאַ אָרימאַן, האָט קאָם פאַרמאָגט איין שעפעלע, וואָס האָט געלעבט אין זיין הויז; געגעסן זיין ברויט, געטרונקען פון זיין כלי, געשלאָפן ביי זיין זייט, און איז אים געווען טייער ווי זיין אייגן קינד... איז איינמאָל געקומען אַ גאַסט צום רייכן. נו, פאַרשטייסט, אַז אַ גאַסט קומט, דאַרף מען אים מכבד זיין, געבן עסן, טרינקען. האָט דער רייכער, וואָס האָט אַ סך שעפסן

און רינדער פאַרמאַגט, זיך געקווענקלט און פון זיינע שעפסן געזשאַלעוועט דעם גאַסט מכבד צו זיין מיט אַ שעפעלע. איז ער אַוועק צום קבצן, וועלכער האָט נאָר פאַרמאָגט דאָס איינציקע שעפעלע, און עס צוגענומען און געקוילעט עס פאַר׳ן גאַסט.

דוד: (איז אין צאָרן אויפגעשפרונגען): אַזעלכער איז ווערט מען זאָל אים הענגען, און אַזעלכער זאָל פילפאַכיק באַצאָלן פאַרן שעפעלע! האָט דער עושר גאָר קיין רחמנות ניט געהאַט? האָט ער פאַר גאָט ניט מורא געהאַט? אַזעלכן קומט דער טויט!...

נתן: ביזט גערעכט, קיניג דוד: אַזעלכן קומט דער טויט! און ווייסטו, טייערער קיניג דוד: דער מאַן ביזטו אַליין! „אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון ישראל: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר מלך איבער ישראל און איך האָב דיך מציל געווען פון שאול׳ס הענט... איך האָב דיר רייכקייט געגעבן; מאַכט און ווייבער האָסטו אויך פיל געהאַט. וואָס האָט דיר געפעלט? דו האָסט איבערגענוג. דו האָסט אַלע פאַרגעניגנס; האָסט אַלעס געקענט האָבן און קריגן. גאָט האָט אין יושר געגלויבט; האָט דיך געמאַכט פאַרן הערשער פון ישראל און יהודה!... רייכער דו! דו האָסט געטאָן דאָס מיאוסטע אין זיינע אויגן. דו האָסט גענומען אוריה דעם חתי—דו האָסט אים געטויטעט דורך די קריגער פון די בני־עמון. גאָט האָט דיך פאַרשאָלטן, פאַרשאָלטן, אַז תמיד זאָל די שווערד הענגען איבער דיין הויז, דערפאַר וואָס דו האָסט אומגעבראַכט אוריה׳ן דעם חתי, און זיין ווייב צוגענומען זיך פאַר אַ ווייב! גאָט וועט אויף דיר ברענגען פילע אומגליקן, און ס׳וועט דיר באַקאָמען אַרויס דאָס פאַרגעניגן פון דאָס שעפעלע—זיין ווייב!"

(נתן פאַרלאָזט דאָס צימער).

דוד (פאַלט צו דער ערד, וויינט ;הויבט די הענט צום הימל):

אויב אַ קרבן דו ווילסט, בין גרייט זיין דער קרבן.
פאַר הינט און פאַר וועלף, בין איך גרייט אין די גאַסן.
אָבער שטראָף ניט אומשולדיקע; איך בין דער זינדיקער—
מיין פאָלק וואָלט נאָר וויסן, וואָלטן זיי מיך פאַרהאַסן...

(ער פאַלט צום דיל, צערייסט זיך די קליידער, וויינט).

נתן: (קומט אַריין, פאַרנייגט זיך עטוואָס, אָבער בוקט זיך ניט).

דוד: (שפרינגט אויף): נתן, נתן! נאָך שלעכטע בשורות האָסטו מיר געבראַכט?

נתן: יאָ, מלך דוד! האָסט גאָט גלעסטערט, דערפאַר וועט דיין ניי־געבוירן קינד שטאַרבן! שטאַרבן! —אַזוי האָט גאָט געזאָגט!...

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

נס מן השמים

נס מן השמים

אין אַנדיינק די געפאַלענע זעלנער ביי ירושלים

פערזאָנען:

אלישבע: רויטן מגן־דוד שוועסטער—22 יאָר.

אפרים: סאַרדזשענט—24 יאָר.

אַריה: קאַרפּאַראַל—18 יאָר.

מאַן: זייער אַן אַלטער, מיט לאַנגער באָרד און לאַנגער קאַפּאָטע.

לוטענאַנט: אַ יאָר 30—הויך אין אויגן־גלעזער.

דינה און **צפורה:** רויטע מגן־דוד שוועסטער.

זעלנער: אַ יאָר 25—זעלנער פון אַלערליי קלאַסן.

די בינע אויף דער יידישער זייט פון ירושלים, אויף דעכער און הינטער צעבראָכענע ווענט שטייען יידישע זעלנער מיט פאַרבאַפּטע אָטעמס, מיט ביקסן אין די הענט. אַ סך פרויען־זעלנער צווישן זיי, אָנגעטאָן אין מענער־קליידער, פאַרבונדן די קעפּ־האָר מיט טיכלעך, ווי ביי די אַראַבער די טורבאַנען. עס זען זיך עטלעכע קאַנאָנען פאַרדעקט מיט פייגן־בלעטער צווייגן. די זעלנערריידן: העברעאיש, ענגליש, יידיש און פילע אַנדערע לשונות. עס הויבט ערשט אָן גרויען דער פרימאָרגן. מען קען פון וויטן באַגרייפן דעם כותל־מערבי. עס זען זיך אַראַבישער חיל. עס הויבן אָן שיסן אַראַבישע קאַנאָנען און ס׳הערט זיך שרעקלעכע אויפרייסונגען. עס הערן זיך קרעכצן פון די יידישע פאַרוואונדעטע זעלנער.

אלישבע: (מיט אַ רויטן מגן־דוד אויפן שטערן און אַרבל, רופט): קען מיר עמיצער צוהעלפן? כ׳האָב פשוט קיין כח ניט.

אַריה: (אַ יונגער זעלנער, אַ יאָר 18, דאַר און הויך): אלישבע׳טשקע, איכ׳ל דיר העלפן; אַ סך קרבנות, האַ?

אפרים: איך קאָן אייך נישט העלפן. כ׳מוז זיין אויף דער וואַך! אַ סך פאַרוואונדעטע?

אלישבע: קומט חבר, נו מיר׳ן זיי צונעמען פון די אויגן פון די לעבעדיקע.

אַריה: טויטע אויך, אלישבע?!

אלישבע: פון אַ „סנאַראַד" (האַרמאַטן־קויל) — — איר פרעגט נאָך? (עס זען זיך, ווי זיי שלעפּן אַרונטער פון די באַריקאַדן די טויטע אין די קעלערס, וואו ס׳איז אויך אַ מין שפּיטאַל. אַרום איז אָנגעוואָרפן מיט צעשאָטענע ציגל און שטיינער, באַלקנס און טירן, צעבראָכענע פענסטערס. פון די פאַרוואונדעטע הערן זיך קרעכצן. קאַנאָנען שיסן ווידער פון ביידע זייטן, באַגלייט מיט ביקסן־קנאַלן. אַריה קומט צוריק).

אַריה: האָסט נאָך אַביסל קוילן אין דיין ביקס?

אפרים: טאַקע אַ פּאָר, אַריה. צוויי־דריי קוילן. ס׳איז ביטער. נישטאָ קיין אַמוניציע. קוק נאָר ווער ס׳גייט דאָרט, אַריה? דערקענסטו דאָרטן אַ מאַן? ס׳איז נאָך צו טונקל און איך שטאַרב שלאָפן, אַביסעלע כאַפּן אַ דרימל.

אַריה: גוט וואָס היינטיקע נאַכט האָבן געשוויגן די אַראַבער. זיי מוזן זיין אויך מיד.

(די שיסערייען ווערן שטאַרקער; דער הימל ווערט אויפגעלויכטן פון די אויפגעריסענע סנאַראַדן).

אלישבע: אריה! גיכער, ס'זיינען דאָ נאָך פּאַרוואונדעטע.

אַריה: (העלפט איר אַרונטערפירן די פּאַרוואונדעטע. ס'איז נאָך שווער צו דערקענען אַ מענטשן, נאָר לויט דער שטימע אָדער נאָמען ווייסט מען ווער איז ווער. אַלע קוקן אויס ווי שאָטנס. אַריה קומט צוריק).

אפרים: וואָס הערט מען נישט קיינע באַפעלן פון אונזערע אָפיצערן?

אַריה: ס'איז דען דאָ מיט וואָס צו שיסן? מיר מוזן זיין שפּאָרעוודיק. יעדער שאָס דאַרף זיין אויסגעחשבונט. אַך, אַך, ווי לאַנג וועלן מיר זיך נאָך קאָנען האַלטן? (אלישבע קומט אַרויף).

אלישבע: שווייגט! שעמען מעגט איר זיך, ווי איר רעדט!... מיט די נעגל... די נעגל זאָלן זיין אייער וואָפן!... שטאַרבן ווי לייבן, מיט נעגל קעגן פיינט! וואָס וועלן מיט אייך טאָן די אַראַבער, ווען זיי וועלן זיין די זיגער? ווייסט איר נישט, אַז זייערע אָפיצערן זיינען נאַציס, אָדער ענגלענדער... זיינען דען די ענגלענדער בעסער צו אונדז ווי די נאַציס?—טאָ רעדט נישט: מיט הענט קעגן ביקסן! אונזער וואָפן איז מוט! מוט מוז זיגן! זיגן, זיגן!—איר הערט?!

אריה: אלישבע, מיר האָבן שוין ביט קיין מענטשן, קיין געווער, קיין עסן, קיין טרינקען. די צונג קריכט פון האַלדז!

אלישבע: טרינקט די לופט, די לופט פון קאַיאָר. חלומט אַז איר טרינקט; חלומט אַז איר עסט; חלומט אַז אייערע הענט זייבען פול מיט געווער.

אריה: אַך און ווי! צו אונדזערע חלומות!

(אַ גראַנאַט פאַלט לעבן זיי און אפרים פאַלט טויט. ישראל אַרמיי ענטפערט מיט קאַנאָנען־שאָסן. אלישבע שלעפּט זיך אַרונטער אַ פאַרוואונדעטע).

אַריה: (כאַפּט גלייך די ביקס פון אפרים'ס טויטע הענט. דערזעט דעם מאַן צוקומען): זיידע, האָט איר אַ ביקס? אָט, נאָט אייך די ביקס!

מאַן: שלעכט, האַ? ס'איז שלעכט! (ער גלעט זיין לאַנגע גראָע באָרד).

אַריה: זיידע, נישט שווער פאַר אייך אַ ביקס אין האַנט? נאָר יעדע האַנט זאָל האַלטן אַ ביקס. יעדע האַנט איז נויטיק! נעמט, זיידע. קאָנט איר זען זיידע? ס'איז נאָך טונקל.

מאַן: יאָ, כ'קאָן זען, מיין זון. ס'פאַלן קינדער, מען ליידט הונגער; אָבער מוט איז דאָ!

אַריה: דאָס איינציקע וואָס מיר פאַרמאָגן—איז מוט! וואָס דען, קוילן האָבן מיר? וואָסער האָבן מיר?—יאָ, מוט! ווילן!...

מאַן: דאָס איז גוט, מיין זון! כ'האָב געהערט, די בראַווע טאָכטער האָט אייך גע'מוסר'ט — —

אַריה: אָט, זיידע, איז איר מוסר. (ווייזט אויף אפרים'ס צעריסן קערפּער). איר זעט, זיידע, מיין חבר, מיין חבר נאָך פון חדר. גאָט'ס שטראָף ליגט אויף אונז. יאָ — — —

מאַן: רייד נישט אַזוי, מיין קינד. די וואָס פאַלן דאָ, וואָלטן געפאַלן פון היטלערס הענט — איז נישט בעסער— — —

אריה: איר האָט רעכט, זיידע. מיר קעמפן פאַר אונזער לאַנד, זיידע. ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ לאַנד, וואָלט היטלער־מגפה אויף אונז נישט געגאָלטן...

מאַן: יאָ, מיין קינד, אפשר?...

אריה: וואָס רעדט איר, זיידע—„אפשר"?

מאַן: ווייל נישט אַלע יידן וואָלטן געקענט אַריינגיין אין אונזער לאַנד.

אריה: (מיט פּאַטאָס): מיר וועלן פון ברעקל לאַנד בויען אַ גן־עדן אויף דער ערד. לאָמיר נאָר געווינען די מלחמה!..

מאַן: מיר וועלן געווינען, זון מיינער, מיר וועלן געווינען. מיר וועלן דעם שונא פאַרטרייבן, פאַריאָגן!...

אַריה: פון אייער מויל אין גאָט'ס אויערן.

מאַן: יאָ, מיין קינד, גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן.

אַריה: ווי אַלט זייט איר, זיידע? פון וואַנען קומט איר? איר מוזט האָבן אין זיך אַ סך יאָרן.

מאַן: יאָ, מיין קינד, אַ סך יאָרן, זייער אַ סך. נאָר כ'האָב ליב די ישראל־ערד. די ישראל לופט מאַכט מיר לעבן לאַנג. יאָ, יאָ, מיין קינד, אַדורכגעפאָרן די גאַנצע וועלט, וואו די וועלט האָט אַן עק. יאָ...

אַריה: זאָגט מיר, זיידע, ווי זייט איר אַהער דערקראָכן?

מאַן: ס'איז שוין אין מיר. אימער קריך איך אַדורך, וואו איך וויל קומען. מיר יידן זיינען אַ פייער, וואָס לאָזט זיך נים פאַרלעשן. מיר ווילן נים אונטערגיין און מיר וועלן נים אונטערגיין! מען האָט אונז געשניטן אין שטיקער. המן האָט אונדז געוואָלט אומברענגען, איז ער אַליין אונטערגעגאַנגען. היטלער האָט אונדז געמאָטערט, געברענט, געגאַזט—נו, וואו איז ער? מיר לעבן, מיר זיינען דאָ! און וואו איז ער? מיר שלאָגן זיך מיטן שונא, פאַרשטיי מיין זון! מיר שלאָגן זיך פאַר אונדזער ערד אויף אונדזער ערד! פאַרשטייי מיין קינד? טויזנטער יאָרן, טויזנטער האָבן מיר זיך געשלאָגן אויף פרעמדער ערד, פאַר אונדזערע שונאים, וואָס האָבן אונדז באַצאָלט מיט סקילה, הרג, וחנק... דאַנק גאָט, ער גיט אונדז כוח אַלץ איבערטראָגן.

(עס פאַלן גראַנאַטן אין שיסעריי. ס'ווערט ליכטיקער. דער הימל איז פול מיט פולווער־רויך פון די צעריסענע גראַנאַטן. די לופט איז פאַרהילכט מיט וויי־געשרייען פון פאַרוואונדעטע און גוססדיקע).

לוטענאַנט: (אין קורצע הויזלעך, דערשיינט, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אויגן־גלעזער. (שרייט): נישט וואָגן אָפּטרעטן! זאָל אונדז דער פייער פאַרניכטן, נאָר נישט אָפּטרעטן. שיסט אויפן שונא, נאָר שפּאָרזאַם מיט קוילן, נישט גלאָט אין דער וועלט אַריין. נאָר ווען איר דערזעט נאָענט דעם שונא, שיסט און טויט אים! (פאַרשווינדט אין דער גיך).

אַריה: ער הייסט שיסן און קיין אַמוניציע איז נישטאָ! — אַך!

מאַן: אָט האָב איך עטלעכע קעסטעלעך מיט קוילן—נאַ, מיין זון!

אריה: נישט אַנדערש, גאָט האָט אייך אַהער געשיקט צו אונדז.

מאַן: מסתמא ווייסט גאָט וואָס ער טוט. נו, לאָמיר צוטראָגן אַ קעסטעלע מיט קוילן צו אַ צווייטן יונגן זעלנער. זיי מוזן אויך זיין אָן אַמוניציע. (ער גייט אָפּ פון אַריה'ן. מען זעט אים טיילן קעסטעלעך מיט קוילן צו די אַנדערע יונגע זעלנער. עס ווערט לעבעדיק. מען שיסט! עס גיסט ממש מיט פייער, ניט ווי קוילן. שטיקער פייער שיסט אַרויס די ביקס).

אַריה: וואָס טוט זיך דאָ? שיס איך מיט קוילן? איך שיס און שיס און ס'פייערט. (ער קוקט אַריין אין ביקס צי ס'איז דאָרט דאָ קוילן). יאָ, ס'איז דאָ קוילן. דער הימל גיסט מיט פייער. זיי לויפן צוריק ווי די הינט!

אלישבע: (דערשיינט, הינקט אַביסל): אַריה, ס'זיינען נישטאָ קיין פאַרוואונדעטע?

אריה: וואָס הייסט, נישטאָ? דו ביזט דאָך פאַרוואונדעט! אלישבע, ביסטו פאַרוואונדעט?

אלישבע: הלוואי פילן זיך אַלע פאַרוואונדעטע ווי איך. קוק נאָר אָן, אריה; זע ווי ס'גיסט מיט פייער דער הימל פון אונדזער זייט, דער הימל ברענט!

אריה: אלישבע, אַ נס־מן־השמים, זאָג איך דיר. אַזוי ווי ביי די מאַקאַבייער האָט געברענט 8 טעג דאָס ביסל בוימל, אַזוי ציען זיך די קוילן. כ'שיס און שיס — און סע שיסט זיך!

לוטענאַנט: (באַווייזט זיך מיט אַ גליקלעכן שמייכל): גאָט איז מיט אונז!

אלישבע: (סאַלוטירט, שמייכל צו אים): יאָ, גאָט איז מיט אונדז!

לוטענאַנט: מיר האָבן דורכגעבראָכן אַ ליניע, אַ וועג. ס'איז דאָ וואַסער, עסן און אַמוניציע.

אריה: כ'האָב גענוג אַמוניציע, סער!

לוטענאַנט: (אין התלהבותדיקן טאָן): וואו? פון וואַנען?

אריה: אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז דאָ געשטאַנען, האָט אונדז צעטיילט קעסטעלעך מיט קוילן, און זייט ער איז דאָ געווען, שיס איך, שיס איך אָן אָפּהאַלט און ס'זיינען דאָ אימער קוילן!

אלישבע: און קיין איין פאַרוואונדערטער איז נישטאָ!

לוטענאַנט: האָ! (קוקט פאַרוואונדעט): וואו איז סאַרדזשענט אפרים?!

אריה: איך בין איצט סאַרדזשענט, סער! סאַרדזשענט אפרים איז טויט! מיר זיינען נאָר איינצעלנע איבערגעבליבן. אָבער זיינען מיר אַלע דאָ!... נישט איינער איז געפאַלן זינט דער אַלטער איז דאָ געווען!

לוטענאַנט: שוין לאַנג איז ער דאָ געווען, אָט דער אַלטער?

אריה: מיר דוכט איר האָט אים דאָ געזען, סער, זינט ס'האָט אָנגעהויבן גראָען אויף טאָג, ווען איר זייט צוערשט דאָ געווען.

(עס באַווייזן זיך נייע זעלנער, פאַרשידענע אין קאָלירן, מיט בערד, מיט וואָנצעס, פון אַלערליי עלטער, מיט ביקסן אין די הענט. עס ציען זיך וועגעלעך מיט קעסטעלעך, מיט הייסן טיי, מיט צובייסן; אויך טעלעכע פרויען פון רויטן מגן־דוד־שוועסטער).

לוטענאַנט: (צו אַריהן): נעם די קאָמאַנדע אויף די נייע זעלנער.

אריה: (סאַלוטירט): צו אַקציע, זעלנער! לייגט זיך אויפן בויך. שיסט נאָר ווען איר זעט דעם שונא גאַנץ נאָענט. האָט איר גראַנאַטן מיט זיך?

זעלנער: יאָ, סער, מיר האָבן!

אריה: צו אַקציע! אַלע — — —

לוטענאַנט: (צו אריהן): זעט, סאַדזשענט, מען זאָל נישט איבערנוצן קיין אַמוניציע...

אריה: (סאַלוטירט): נאָך אייער באַפעל.

לוטענאַנט: גוט! (גייט אַוועק).

אריה: פרישט זיך אָפּ, זעלנער, מיט טיי און צובייסן; בייט זיך אין ריי. זייט אויף דער וואַך.

(אַלע ווילע בייטן זיך עטלעכע, נעמען זייער פּאָרציע אונטער באַשיצונג פון די צעבראָכענע ווענט. איין זעלנער חלש'ט).

דינה: גיכער, צפורה, אַ זעלנער האָט געחלשט.

צפורה: (קומט צו מיט אַזאַ פלעשעלע. גיט דעם פאַרחלשטן אונטערן נאָז. ער קומט צו זיך. זי פאַרריכט אים די האָר און מ'פירט אים אַראָפּ אין קעלער־שפּיטאָל. עס הערט זיך אַ שרעקלעכער דונער. צו־שטאַרק פאַר אַ קאַנאָנען־שאָס. דער הימל ווערט רויט מיט אַ בלענדעניש, און ס'ווערט שטיל פון ביידע זייטן).

אריה: חברים, זעלנער: די אַראַבער לויפן, לויפן פון אונדז און לאָזן איבער אַלעס. (שרייט): לוטענאַנט, לוטענאַנט!...

לוטענאַנט: (דערשיינט): וואָס איז דער געשריי, סאַרדזשענט?

אריה: (סאַלוטירט): זיי אַנטלויפן. זיי ציען זיך צוריק, לוטענאַנט. זיי לאָזן איבער די קאַנאָנען, טאַנקען—אַלעס, אַלעס. זיי לויפן צוריק!

לוטענאַנט: (קוקט מיט זיינע פעלד־גלעזער): סאַרדזשענט, באַפעלט די זעלנער זיי נאָכצויאָגן. פאַרנעמט די טאַנקען, די קאַנאָנען. פאַרנעמט גלייך אַלעס. יאָגט זיי נאָך און טרייבט זיי ווייטער!

אריה: זעלנער, מאַרש. יאָגט דעם שונא. טויט דעם צוריקלויפענדן שונא!

(זעלנער שפּרינגען פון די דעכער, קלעטערן אויף לייטערלעך פון שטריק. מען זעט ניט קיין זעלנער, מען הערט נאָר געשרייען: טויט די אַראַבער! יאָגט דעם שונא! עס הערן זיך געוואַלדן. דער הימל ברענט. מען ווייסט ניט פון וואַנען, נאָר דער הימל ברענט. עס באַווייזט זיך דער אַלטער מיט לאַנגזאַמע טריט, קיינער באַמערקט אים נישט, מען זעט אים נישט).

מאַן: (קוקט זיך אַרום אויף דעם חורבן פון די הייזער און מויערן. שאָקלט מיטן קאָפּ. הויבט אויף די הענט צום הימל): איך דאַנק דיר, רבונו־של־עולם, פאַר'ן חסד, וואָס דו האָסט געטאָן צו דיין פאָלק ישראל.

אריה: (דערשיינט מיט אַ פּאַק פּאַפּירן. לייגט די אויס און קוקט אין זיי אַריין): אוי ווי, מיין גאָט! אַ נס איז געשען. אַ נס מן השמים! זיי האָבן זיך געגרייט פאַרכאַפּן דעם איינציקן וועג פון וואַנען מיר האָבן הילף באַקומען!

לוטענאַנט: (דערשיינט): סאַרדזשענט, וואָס טוט איר דאָ?

אריה: (סאַלוטירט): סער, אַ נס איז געשען! קוקט אָן זייערע פּלענער, זיי האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן אונדזער רעטונג־ליניע. קוקט, סער!

לוטענאַנט: (קוקט אַריין): טאַקע נאָר אַ נס; גאָט איז מיט אונדז!

אריה: סער, מיר האָבן פאַרנומען צענדליקער פעלד־האַרמאַטן, עטלעכע טאַנקען, פריש־געבאַקענע ברויטן און פולע קעסטלעך מיט צוגעגרייטע עסנס; ביקסן מיט אַמוניציע און זייער אַ סך וואַסער, סער! (כאַפּט אים אַרום קושן. שפּרינגט צוריק): אַנטשולדיקט, סער, די פרייד איז צו־גרויס! (סאַלוטירט).

אלישבע: (דערשיינט, סאַלוטירט): לוטענאַנט, אונדזערע האָבן געפאַנגען הונדערטער אַראַבער און מצריים. זיי פירן זיי אַהער.

לוטענאַנט: סאַדזשענט: האָט מען אַ סך עסנוואַרג געפאַנגען? מיר דאַרפן זיי דאָך אויך שפּייזן.

אריה: (סאַלוטירט): יעס, סער! איבער גענוג. דערהויפּט אַ סך וואַסער האָבן זיי איבערגעלאָזן. (זעלנער דערשיינט).

זעלנער: (סאַלוטירט): סער, מיר האָבן געפאַנגען אַ גענעראַל, סער!

מאַן: טוב, טוב, גאָט איז מיט אייך. (קיינער זעט אים ניט. עס הערן זיך בלאָזן פון אַ שופר, מיט תקיעה גדולה).

לוטענאַנט: פון וואַנען קומט דער שופר־בלאָזן? (ס'ווערט שטיל): סאַר־דזשענט: זאָלן די זעלנער זיך אויסרוען. זאָלן זיי עסן און טרינקען. מיט גאָט'ס הילף: זה היום שקוינו לו, ס'איז היינט אונדזער זיג!

אריה: זעלנער, עסט און טרינקט און רוט זיך אויס.

זעלנער: (פריילאַכע; אַלע צוזאַמען זינגען די „התקוה")

מאַן: (פון קיינעם נישט געזען גייט אוועק מיט אַ דינעם שמייכל אויף דינע ליפּן, מיט אַ ברכה צום רבונו־של־עולם)

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

נאַטור קעגן מענטש

מאָדערנע פּהוי ב. דיימאַנדשטיין

נאַטור קעגן מענטש
אָדער מענטש קעגן גאָט

(אַן איינאַקטער)

באַטייליקער:

צייט: אַנגעטאָן אין אַ לאַנגן כאַלאַט, מיט אַ לאַנגער באָרד און לאַנגע האָר, און אַ צווייגענדיקער שטעקן אין זיין האַנט.

ערד: אַ פולער קורצער קערפּער מיט קורצע דיקע פיס. דער פּנים גראָ, גרין, בלוי און ראָז, מגושמ׳דיק. די הוט באַדעקט מיט אַלערליי קאָלירן, בלעטער און גראָזן.

זון: אַ מעכטיק געשטאַלט. פון פּנים שלאָגט אָפּגלאַנץ פון גאָלד און די הוט מיט פלאַמען־צונגען, און רעדט באַפעלנדיק. אין מיטן פּנים זעט זיך אַ שוואַרצער פלעק.

לבנה: אַ בלאַסע געלקייט; אַ קיילעכדיק פּנים, אַן אַ הוט מיט גרויסע אויגן.

טאָרנאַדאָ: קורץ, מיט אַ גרויסן דרייקאַנטיקן הוט. זייער רירעוודיק.

ווינט: הויך און דין, איינגעהילט אין דינע גרויסע וואָלן, מיט צעשויברערטע האָר.

וואָלקן: דיק און קורץ, איינגעדרייט אין גרויע, שוואַרצע ראָז־בלויע און ווייס־געדיכטע וואָלן.

אַטמאָספער: הויך און איידל, אין רעגנבויגן פאַרבן. אַ הוט פון קאָלירטן דורכזיכטיק זייד.

* * *

די בינע, די פאָרשטעלונג קומט פאָר אין דער אַטמאָספערע. אַלץ איז תוהו ובוהו, נאָר וואָלקנס זען זיך אָן און אַרום העננגען ראָזע וואָלקנס, גרויע וואָלקנס, שוואַרץ־געדיכטע וואָלקנס און פּערלמוטער־ווייסע וואָלקנס. עס שיינען צייטנווייס דורך די שטראַלן פון די שוואַרצע וואָלקנס, פינקלדיקע שטערנס, און אַרום די ראָזע וואָלקנס פליען פויגלען און טויבן. עס זעט זיך אַ רעגנבויגן.

צייט: איך בין שוין אַלט, הגם שוואַך בין איך ניט; נאָר צו נערוועז לעצטנס איז מיין לעבן.

ערד: איך בין דיינס אַן איינקל. יאָ, איך בין ניט יונג, זיידע. אָבער אויף מיין רוקן טראָג איך אַלע אכזרישקייט זינט איך בין געבאָרן. גאָט האָט מיר פאַרשפּראָכן, ווען ער האָט מיך באַשאַפן, אַז ס׳וועט זיין אַ גן־עדן אויף דער ערד. האָט ער אָבער באַשאַפן אויך דעם שלאַנג... און אויך די פרוי...

צייט: איך וועל זיך באַקליידן אַמאָל מיט נייעם דמיון, מיט נייעם מושג.

ערד: ס׳איז ניט מעגלעך, ווי לאַנג עס פּיטערן זיך אויף מיין פּלייצע שלאַנגען, עקדישן, און אַלערליי אַנדערע שרצים און חיות־רעות. איך זאָג דיר, זיידעלע צייט, ס׳איז געווען אַ גרויסער טעות פון רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט באַשאַפן דאָס פלייש־עסנדע באַשעפעניש. ס׳וואָלט געהערשט שלום און מען וואָלט זיך דערנערט, וואָס מיין גוף גיט אַרויס. איך וואָלט מיין מילך און האָניק געשאָנקען צו מיינע מענטשן־קינדער און חיות, ווי אַ מוטער גיט איר מילך דאָס ניי־געבאָרן קינד. גאָט האָט געמאַכט אַ טעות, זיין מלאכה איז אַרויס - - -

זון: נייִן, מיין קינד; דער רבש״ע האָט „עקספּערימענטירט“, ער האָט עפּעס געוואָלט; דער יסוד איז אַ קרעפּטיקער.

ערד: ער האָט די ערד פאַרשאָלטן... ער האָט אונז געגעבן אַ מלאך־טוב, אַ מלאך־חבלה און אַ מלאך־המות!... צוליב וואָס האָט ער אונדז דאָס געגעבן? צוליב וואָס האָט ער אונדז געגעבן דעם יצר־הרע? האָט ער ניט גענוג געהאַט דעם יצר־טוב?

צייט: ווער קאָן פאַרשטיין דעם רבונו־של־עולם'ס דרכים?

ערד: וואָלט ניט פרידן געווען אויף דער ערד, ווען ער צוטיילט ניט, ווען ער מאַכט ניט קיין חלוקה — אַ העלפט און אַ העלפט: קינ'ען — די ערד, דאָס גראָז, און הבל'ען — די פי: די בהמות, די שעפּסן... וואָלט ער זיי זאָגן: אַט האָט איר גראָזן; אַט האָט איר שעפּסן, פירות; אַט האָט איר שעפּסן, ציגן און בהמות. לעבט אייך צופרידן, פּאַשעט און דערנערט זיך מיט אייער אייגענער פּראַצע; דיינס איז מיינס, מיינס איז דיינס — אָבער— — — —

צייט: עס וועט קומען אַ תקופה, אַז דו וועסט זיך אַפילו בייטן. אַט זעסטו די אַטמאָספערע בייט זיך...

זון: אויך איך האָב פלעקן באַקומען. אָך, קוק נאָר אויף מיר... קוק אויפן פּנים דאָס פלעק...

לבנה: אָך, פאָטערל זון, פלעגסט מיך אָנוואַרעמען; דיינע שטראַלן פלעגן מיר אָפּווישן מיין פּנים. און איצט, האָסטו מיר טאָלן אויסגעריסן.

זון: ניט איך, מיין טאָכטער לבנה, האָב דיר אויסגעגראָבן טאָלן, נאָר די אַטמאָספערע, דער ווינט, און די טאָרנאַדאָס.

ווינט: יאָ, שוועסטערקינד־לבנה. איך און די טאָרנאַדאָס האָבן געסקראָבעט דיין פעל.

טאָרנאַדאָ: יאָ, שוועסטערקינד־לבנה. איך האָב געעגבערט און דער ווינט האָט דעם שטויב געטריבן. אַזוי איז ביי דיר געוואָרן טאָלן און בערג.

לבנה: יאָ, איך האָב ווייטאָגן געפילט. אַזוי באַהאַנדלט מען אַ קרובה?

טאָרנאַדאָ: כ'קאָן זיך ניט העלפן. צעטאַנץ איך זיך אָן קאָנטראָל ביז איך ווער מיד און טאַנץ זיך אויס... אַגב, ווען איך טאַנץ און ס'קומט מיר ווער אין וועג, פאַרניכטע איך אים; איך צעררייס אים אויף שטיקער...

זון: אפילו איך קאָן אים ניט איינשטילן — אַ ממזר אין מיין הויף...

ערד: (צו דער זון): אויך דו ביזט צו מיר געוואָרן ווי אַ שטיף־טאַטע. פלעגסט מיר געבן וואַרעמקייט אין צייט, רעגן אין צייט, פרילינג אין צייט. איצט, הויב איך אָן פיל מאָל צו טראַכטן, אַז דו האָסט אַ מהומה אַריינגעבראַכט אין מיין לעבן...

זון: ס'איז אויך ניט מיין שולד.

ערד: וועמעס שולד איז דען דאָס?

זון: דער מענטש, דער מענטש קריכט אין אונדזערע הימלען. דער מענטש וויל באַזיגן גאָט! דער מענטש האָט אויסגעפונען די סודות פון וואָס גאָט האָט מיך געמאַכט. ער, דער מענטש, וועט דיך אויך סוף־כל־סוף פאַרניכטן... אויף שטויב דיך צעברעקלען... ווי איז אונדז. ווען דער מענטש הויבט אָן מיט געטלעכקייט צו קאָנקורירן... דער מענטש איז די שרעקלעכסטע חיה, ווען גאָט האָט אים צוגע־געבן דעם מלאך־חבלה, דעם מלאך־רע, דעם יצר הרע; אַזוי גייט עס. זינט חוה האָט פאַרזוכט פון עץ־הדעת, זוכט דער מענטש צו באַזיגן גאָט...

ערד: טאָ וואָס זאָלן מיר טאָן, טאַטע זון? ווי קענען מיר קעמפן קעגן מענטש, אַז ער קעמפט קעגן גאָט!...

זון: צוזאַמען קענט איר; איינציקווייז קענט איר ניט!

ערד: זאָג אונדז וואָס צו טאָן, טאַטע זון! (פאַרשווינדן. זון און ווינט בלייבן).

זון: גיי, ווינט, רוף צוזאַמען: לבנה, טאָרנאַדאָ, אַטמאָספערע און ערד, און זאָל די צייט זיין אונדזער שופט, אונדזער דיין און בעל־יועץ.

ווינט: איך גיי אַלעמען צוזאַמענרופן. (עס הערט זיך דער ווינט צעבלאָזט זיך אין געלויף).

לבנה: (האָט אָנגעשטעלט איר פּנים): איך בין דאָ, זיידע־זון.

טאָרנאַדאָ: (האָט זיך אַריינגעדרייט מיט זיין עגבער־קראַפּט): איך בין דאָ, טאַטע־זון.

ערד: איך בין לאַנג שוין דאָ, טאַטע־זון.

אַטמאָספער: איך בין אויך דאָ, טייערע זון, איך בין דאָ מיט אַלע מיינע גאַזן, מיט אַלע מאָלעקולן און אַטאָמען.

ווינט: אָט האָב איך זיי אַלעמען צוזאַמענגעבראַכט. אַלע — — —

זון: אַטמאָספערע, האָסטו דיינע עלעקטראָנען אויך געבראַכט?

אַטמאָספערע: ווילסטו הערן? (עס הערן זיך שרעקלעכע דונערן און בליצן): דו הערסט, זון, איך האָב די גאַנצע וואָפן געבראַכט מיט זיך.

זון: איז גאַנץ גוט, זייער גוט. מיר האָבן אויך געקענט רופן עטלעכע שטערן, נאָר זאָל זיין אַ ווייליינקע אָן זיי. אויב מיר וועלן דאַרפן דעם מילכוועג, וועלן מיר אים שפּעטער רופן. יעדער פון אייך ברענגט אַריין אַ פאָרשלאָג; זאָגט, דערציילט, וואָס האָט אייך דער מענטש געשטערט אָדער וויי־געטאָן.

ערד: ער האָט מיך צעגראָבן; טיף אין מיינע געדערים אַריינגעקראָכן. ער צאַפּט מיין פעטס אַרויס. ער צאַפּט מיין היץ אַרויס. ער קריכט אין דער טיפעניש פון מיינע ימען. ער פאַרשטיינערט מיין הויט; ער לייגט אַרויף צופיל משא אויף איין זייט פּלייצע, און איצט האָט ער דערפונדן אַטאָמישע באָמבעס, און ער צעטרייסלט מיין גאַנצן קערפּער.

לבנה: אין מיר די לעצטע צייט הער איך בוכצעס און קלעפּ אין מיין קערפּער; זיי רופן דאָס ראַדאַר. און ווען די ראַדאַר קלאַפּט מיך, הויבט אָן ציטערן מיין קערפּער און עס הויבט אָן רוישן ווי אין אַ מויער־קאָפּ.

זון: און וואָס האָסטו צו זאָגן, אַטמאָספער?

אַטמאָספער: מיינע וואָלקנס באַקלאָגן זיך, אַז זיי זיינען אויס באַלעבאַטים. מען פרעגט שוין זיי ניט ווען זיי ווילן געבן רעגן, ווען זיי ווילן ניט געבן. מען כאַפּט זיך אַרויף איבער די וואָלקנס, דאָס הייסט די מענטשן, און מען באַצווינגט די וואָלקנס צו רעגענען, מען מעלקט זיי פּשוט, אַפילו ווען זיי ווילן ניט...

זון: ווער האָט נאָך וואָס צו זאָגן?

טאָרנאַדאָ: ס'איז געווען צייטן, ווען איך פלעג אַ לאָז טאָן זיך, האָב איך אָוועקגעטראָגן הייזער און בריקן, אַזוי ווי שפּענדלעך אין דער לופטן. און איצט בויען זיי קאָנקריט־הייזער און סקעלעטן פון שטאָל; בריקן פון האַרטסטן שטאָל, דאָס איך קען זיי ניט איינבייסן. זיי צעדריקן מיך, דאָס איך דריק זיך צוזאַמען ווי אַ טשעכאָניק, און קוים וואָס איך קריך דורך, דורך זייערע שטאָלענע גאַסן.

זון: און דו, ווינט, וואָס האָסטו צו זאָגן?

ווינט: אַמאָל, ווען זיי פלעגן זיך אויפהויבן אין דער לופטן מיט אַ באַלון, פלעג איך זיי פאַרטראָגן צום טייוול. און איצט שפּילן זיי זיך מיט מיר. איך לויף הונדערט מייל, לויפן זיי דריי הונדערט מייל, פינף הונדערט מייל, און נאָך מער.

לבנה: דו ערד, באַקלאָגסט זיך, אַז זיי האָבן דיך דורכגעפּרעסן אין דיינע

גערעדרים: האָב איך שוין געהערט, אַז זיי ווילן שוין קומען צו מיר. זיי ווילן מיין טעם דערפילן, זייער מאכל: גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער און מינעראַלן. זיי איז שוין ווייניק די ערד, גרייטן זיי זיך צו קריכן און באַזוכן וואָס סע טוט זיך אויף אין מיינע גערעדרים...

זון: טאָ הערט זיך איין, מיינע קינדער און אייניקלעך: ס'איז אַ שווערע פּראָבלעם. מיר דאַרפן אויסגעפינען די חסרונות פון די מענטשן. זיי מוזן האָבן מומים, וואָס קען מאַכן זיי בייצוקומען, איידער זיי ווערן געטער, איידער זיי וועלן אונדז פאַרניכטן מיט זיי צוזאַמען...

ערד: געוויס האָבן זיי אַ מום. זיי האָט גאָט געגעבן מאַגנס און לונגען; זיי דאַרפן עסן; זיי דאַרפן טרינקען; זיי דאַרפן לופט!

זון: איז וואָס־זשע ווילסטו דאָ זאָגן? נו, נו, טייער ערד!

ערד: דו, פאָטער זון, שיק אַרויף אויף מיר היציקע שטראַלן און ברען אויס אַלץ וואָס ס'איז דאָ אויף מיין הויט. טריקן אויס די טייכן און די ימען, און מיר'ן פּטור ווערן פון דעם שרעקלעכן מענטש, דעם ביטערן בן־אדם!

טאָרנאַדאָ: און טאָמער וועלן זיי זיך באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דיינע גערעדרים—זיי האָבן סאַבוויים און קעלערן, עלעקטרישע פאָכערס, און אייז־קאַסטנס, „רעפרידזשערייטאָרס", און — — —

וואַלקן: דאַן גיב מיר כוח, ווי אין נח'ס צייטן, פאַרשווענקען זיי און אַ סוף!

ערד: האָבן זיי גרויסע שיפן!

טאָרנאַדאָ: וועל איך זיי צעשמעטערן!

ערד: זייערע שיפן קענעןביישטיין די שטאַרקסטע טאָרנאַדאָס!

זון: זיינען מיר, הייסט עס, שוואַכער פון די מענטשן?...

ערד: און וואָס איז וועגן אויסהונגערן זיי? זיי זאָלן אויסשטאַרבן...?

זון: האָסטו מיר ניט געזאָגט אַמאָל, אַז זיי האָבן דערפונדן קאָנדענסירטע מאכלים?

ערד: זיי רופן עס: וויטאַמינען און אַנדערע נעמען.

זון: טאָ וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס פאַר אַ מעשים זאָלן מיר קעגן זיי אָננעמען? זאָלן מיר הערן וואָס די צייט האָט צו זאָגן?

צייט: ס'זיינען געוועזן אַלערליי עפּאָכעס און תקופות. די ערד איז אַמאָל געוועזן פייער; דאַן האָט זי זיך באַגאָסן מיט אייז; דאַן איז געקומען די שטיין־עפּאָכע. חיה און מענטש האָבן זיך אַנטוויקלט; חיה און מענטש האָבן געקעמפט פאַר זייער עקזיסטענץ. דער מענטש האָט זיך העכער אויפגעהויבן פון אַלע לעבעדיקע באַ־שעפענישן און האָט זיי אַלעמען אונטערדריקט, און איז געוואָרן דער הערשער פון זיי אַלעמען. און אַזוי איז ער פאַרשיכורט געוואָרן פון זיין נצחון, אַז ער האָט גענומען אונטערדריקן זיין שכן, און האָט אים קודם המעשה צוגענומען זיין חיונה, זיין ביסן ברויט און לאחר־מעשה האָט ער גענומען הערשן אויף זיין שכן; האָט צוגענומען זיין ווייב און קינדער; זיי פאַר קנעכט געמאַכט, און וואָס שטאַרקער דער יעניקער איז געווען, אַלץ האָבן זיך די איבריקע צו אים זיך געבויגן. אַזוי זיינען באַשאַפן געוואָרן הערשער און קנעכט; אַזוי האָט איין הערשער דערהערט אַז אין אַ צווייטן ווינקל געפינט זיך נאָך אַ הערשער, האָט ער גענומען זיינע קנעכט און איז יענעם באַפאַלן און אים גע'הרג'עט און צעראַבירט און אונטערטעניקט; געמאַכט די אַנדערע קנעכט אונטער זיין הערשאַפט, און אַזוי גייט עס ביז היינטיקן טאָג אָן ביי די מענטשן. מען וויל נאָר דעם צווייטן באַזיגן. און קנעכט זיינען דאָ פאַראַן פילע איבער גאָר דער וועלט און די אויסוואָרפן, די רשעים, די הערשער

בויען אַלערליי שרעקלעכע מכשירים, ווי אומצוברענגען איינע די אַנדערע, און סוף־כל־סוף וועלן זיי זיך אַלע אומברענגען... און צאָלן וועלן די מלחמה־צינדער, די האַס־פאַרשפּרייטער, די מאַכטהאָבער... איך, די צייט, האָב זיי געזען קומען און פאַרגיין. זיי שטאַרבן קיינער ניט מיט זייערע אייגענע טויטן, נאָר ווי הינט, ווי נבלות, ווערן זיי פון זייערע אייגענע שקלאַפן צעריסן... אָבער זיי קומען און גייען... זיי לערנען גאָרניט פון די פריערדיקע תקופות... ס'איז דאָ דער יצר־הרע, וואָס גאָט האָט זיי איבערגעלאָזן... און צום יצר־הרע הערן זיי זיך שטאַרק צו. חיות מכל המינים זיינען אונטערגעגאַנגען, טאַקע פון די מענטשלעכע הענט, אָבער מענטשן זיינען שוין צופיל פאַרפלייצט; שקלאַפן, שקלאַפן... און די עטלעכע הערשער מכל המינים, טרייבן זיי ווי שרצים אין זומפּ אַריין, ביז—ביז די שרצים וועלן זיך אַ שטעל־טאָן קעגן זייערע פייניקער, קעגן זייערע בלוט־זויגער פון אַלע שיכטן; ביז עס וועט פאַרשווינדן הערשאַפט אינגאַנצן... זאָלן זיי זיך נאָך שפּילן מיט מענטשלעכע לעבנס, אָבער יבוא יומם פון די הערשער, פון די דיקטאַטאָרן...

זון: הייסט דאָס, דאַרף מען זיי לאָזן זיך אויפעסן איינער דעם צווייטן, ביז—וישן מפני חדש תוציאו. און דאָס אָפּגעלעבטע זאָלט איר אָפּשאַפן, ווען דאָס נייע קומט!...

צייט: גאַנץ ריכטיק געזאָגט!... ובערת הרע מקרבך—און דו דאַרפסט אויס־רייניקן דאָס שלעכטע פון דיינע רייען... און ס'וועט ווערן אַ ליכטיקע, אַ רואיקע, זאַטע וועלט!...

(פאָרהאַנג)



רוסישע קינדער עסן ב. דיימאָנדשטיין

אין ראָד פון לעבן



עמאַ לאַזאַרוס ב. דיימאָנדשטיין

אין ראַד פון לעבן

פּערזאָנען:

באַביטש: אַ בראָנז-גיסער, 25 יאָר אַלט, מיט קליינע וואָנצעס.
יענטע: זיין ווייב, אַ יאָר 28, נישט איבעריק קיין שיינע.
משה: קליין-געוויקסיק, אַן אָפּערייטאָר.
ביילקע: משה'ס ווייב, יענטע'ס שוועסטער, אַ יאָר 22, שיין און לעבעדיק.

צייט און האַנדלונג: ניו-יאָרק, 1911.

אַ קיך, אַ שוואַרצער קוילן-אויוון, אַ וואַש-טאָפּ. עס זעט זיך דער „דאַמ-ווּעטער.“ אויבן אַ קלאָזעט פּאָר טעלער און גלעזער. עס הענגען עטלעכע פּאַנען. פון לינקן זייט אויוון, אַ סינק. אַ טישל מיט צווי שטולן ביי די זייטן. אַ טיר פירט פון גאַס. אַ פענסטער איבערן סינק. עס קאָכט זיך. עס שמעקט געבראָטנס. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ טישטעך.

(באַביטש קומט אַריין, לייגט אַוועק זיין נאָסן אויבעראָק, טרייסלט זיך אַרום).

באַביטש: אַך אַ וועטער, ווי מיר אויפן האַרצן. (קוקט אַריין אין פראָנט-צימער): שטענדיק ווען איך קום שלאָפט זי! אַ יונג-ווייבל, ווען דער מאַן קומט, זי שלאָפט! (טוט אַ קוק אין טעפּל): שמעקט גאַנץ גוט! קאָם אויסגעלערנט זיך קאָכן — ע — — —

יענטע: (קומט אַריין אין אַ נאַכט-העמד, פאַרשלאָפן): ביזט שוין לאַנג דאָ, באַביטש? אַך, דער וועטער, דער וועטער, מאַכט מיך שלעפעריק.

באַביטש: שלאָפסט דען נישט אַלע מאָל, ווען איך קום אַהיים?

יענטע: נעם איך ביי דיר עפּעס צו, האָ? איז נישט צוגעגרייט? קאָכט זיך נישט דיין וועטשערע?...

באַביטש: אַ יונג ווייבל (קוקט אויף איר) דאַרף נישט זיין אָפּגעלאָזן, ווען דער מאַן קומט אַהיים. זע ווי דו קומסט אַריין?

יענטע: ווי קום איך אַריין? ווי זאָל איך אַריינקומען, מיין קעניג?!

באַביטש: כ'וועל בעסער שווייגן; מיט דיר זיך אָנפאַנגען — — —

יענטע: טאָ בעסער רייד נישט, הערסט?

באַביטש: (זעצט זיך, נעמט אַרויס דיין צייטונג, קוקט אַריין און ענטפערט נישט).

יענטע: ווילסט עסן, קעניג מיינער האָ! — —

באַביטש: (שווייגט, קוקט אין צייטונג).

יענטע: וואָס שווייגסטו? קענסט נישט ענטפערן? ביסטו שטום געוואָרן? צי איז ביי דיר דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן?!

באַביטש: זעסטו נישט אַז איך זיץ ביים טיש, דאַרפסט מיר פרעגן?

יענטע: (טוט אַ שטעל די טעלער, אַזש ס'גיט אַ שפּריץ פון טעלער).

באַביטש: (שפּרינגט אויף אַן אָפּגעבריטער, ווישט זיך אָפּ איינמאָל און נאָכאַמאָל, און זעצט זיך): וואו איז ברויט צום טיש?

יענטע: קענסט אַליין נישט גיין נעמען? ס'איז צו שווער פאַר דיר, מיין קעניג? הע? — — ביסטו קראַנק צי געשוואָלן אַ ריר טאָן זיך? שררה מיינער!

באַביטש: (גייט צו צום אַלמערל, נעמט אַרויס אַ ברויטל, שניידט מיט כעס; שאָקלט מיטן קאָפּ, זעצט זיך): נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט... אַזוי באַגעגנט אַ יונג ווייבל איר מאַן? דיין שוועסטער באַגעגנט איר מאַן אויך אַזוי? זי לויפט אים אַקעגן און טראָגט אים צו אַ קוש. ריין, שיין, ציכטיק, פּאַרקאַמט. נישט ווי דו, אַזוי אָפּגעלאָזן, מיט צעפּודלטע האָר. נישט גענוג אַז איך גיי אַוועק זע איך דיך אַזוי צעפּאַדלט, דאַרף איך דיך נאָך טרעפן ביינאַכט אויך אַזוי? דו האָסט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצע אינטעליגענטקע, זע, טו אַ קוק אין שפּיגל. אַ יונגע פרוי — זאָל זיין נישט קיין יונגע—אָבער ערשט זעקס חדשים נאָך דער חתונה.

יענטע: (טוט אַ וואָרף די לעפל): נעם זיך אַליין עסן, אויב איך געפעל דיר נישט? (גייט אַרויס).

באַביטש: (הויבט זיך אויף, גייט אַליין צום אויוון, נעמט זיך עסן. עסט אָן אַפּעטיט): זאָל זי אַזאַ אַפּעטיט האָבן, ווי זי מאַכט מיר אַן אַפּעטיט. (שפּאַרט זיך אָן מיט לינקער האַנט צום שטערן. טראַכט): גיי ווייס, אַזאַ צרה. האָט אימער זיך געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענטקע, און גאָר אַזאַ גוטינקע, און ריין זיך געקליידט. גיי ווייס!... (אַ קלאַפּ אין טיר): אַריין.

משה: (דערשיינט): גוטן אָוונט, באַביטש, און וואו איז יענטע? וואָס זיצסטו עפּעס אַליין? זי פילט זיך נישט גוט?

באַביטש: (קנייטשט מיט די אַקסלען): ווען פילט זי זיך יאָ גוט?

משה: וואָס פעלט איר? זי ליגט אין בעט?

באַביטש: וואו דען וועט זי ליגן.

משה: ווי דו רעדסט — עפּעס מאָדנע?

באַביטש: זי האָט מיך געמאַכט מאָדנע.

משה: ס'גייט נישט גלאַט?

באַביטש: משה, משה, ס'איז ביטער. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ס'איז ביטער ווי דער טויט!

משה: וואָס איז אין מיטן דערינען? יענטע איז דאָך געווען אַזאַ איידעלע מיידל. ווי קומט עס? זאָג באַביטש, ווי קומט עס?

באַביטש: (שפּאַנט אַרום): ווי קומט עס? פרעג איך דיר טאַקע, נו, פרעג איך דיר טאַקע.

משה: וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? ביזט דאָך לעצטן זונטיק געווען ביי אונז און ס'איז דאָך געווען שיין און פיין.

באַביטש: ס'איז געווען שיין און פיין? אַז אַך־און־ווי צו אַזאַ שיין־און־פיינ־קייט! זי האָט זיך קאָם איינגעהאַלטן, האָט זי מיר געזאָגט—הלמאַי איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך מוז נאָך איר מאַכן ברעקפעסט אין בעט. זי וויל נאָך נישט אַז מ'זאָל דאָס ויסן. אַזאַ קליפּה. ס'איז ביטער, משה. האָב היינט אַזוי שווער גע־אַרבעט. יאָ, ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט איז מיין. האָב היינט אויס־געגאָסן אַ סטאַטוע גרעסער פון מיר. פיר מענטשן האָבן זי קאָם אויפגעהויבן. צוויי שעה געדאַרפט אַרבעטן אונטער אַ גוס רעגן, און דאָ האָט זיך שיער צע־בראָכן דעם „מאָלד“ (פורעם). האָב געמיינט כ'ווער צעפּלאַצט! אַך, משה, ווען דו זעסט זי ווי זי איז אַרויס מיך באַגעגענען: אין אַ שלאָף־העמד, אַ צעפּאַטלטע, ווי אַ מכשפה. און אַ פּיסק האָט דאָס געעפנט.... זעסט, כ'מוז אַליין נעמען עסן.

משה אָבער ס'גלויבט זיך נישט אויף יענטען. אַזאַ שטילע געווען. ס'גלויבט זיך קוים.

באַביטש: מיר האָט זיך פון אָנפאַנג אויך נישט געגלויבט.

משה: אַן עלטערע מיידל האָט געוואָלט חתונה האָבן.

באַביטש: זאָגן דיר דעם אמת, אַז אין בעט איז זי נישט בעסער ווי איר פירן זיך מיט מיר אין הויז...

משה: (קוקט אויף אים מיט אַ דיטיקן בליק): וואָס מיינסטו, אין בעט?

באַביטש: אין בעט אויך אַ מכשפה! דו הערסט דאָך, וואָס איך זאָג דיר. ווען איך זאָל דיר דערציילן: זי איז קראַנק קערפּערליך ווי גייסטיק; אַ מענטש אָן אַ ברעקל פּייאיקייט, און אַ פּוסטע בעל־גאווה׳ניצע; קאָנסט איר אפילו קיין קריטישן אנמערקונג זאָגן.

משה: ס׳גלויבט זיך גאָר נישט!

באַביטש: ס׳גלויבט זיך מיר אויך נישט. כ׳קאָן זי נאָך פון קינדוויז אָן. געווען אַזאַ שטילע. פלעגט דורכגיין מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ. גיי ווייס!

משה: (בייסט די נעגל): איז וואָס, וואָס וועט זיין פון אייך?

באַביטש: (פאַרטראַכט): ס׳איז ביטער, משה. וואָס זאָל איך טאָן? איך שעם זיך פאַר מענטשן. דער וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף מיין הימל אין אַ קלאָרן זונען־טאָג. איך שעם זיך פאַר לייטן. וואָס טוט מען, משה? זי איז דאָך דיין ווייבס שוועסטער. ווי איז מיר! וואָרום האָט מיר גאָט אַזוי באַשטראָפט?

משה: מיין ווייב הייסט מיר זיך גיין לערנען פאַר אַ קאָטער... ס׳איז אַ גרינ־גערע אַרבעט, זאָגט זי, און מען פאַרדינט מער, זאָגט זי.

באַביטש: נו, זעסט דאָך. דיין ווייב גיט דיר עצות, זי זוכט דיין לעבן גרינ־גער מאַכן. זי איז אַ פריינט צו דיר.

משה: אָ, יע, זי איז מיר אַ פריינט. אָ, יע, ביילקע איז איינמאָל אַ ווייבל, אַן אמת׳ער פריינט.

באַביטש: (טוט אַ קלאַפּ אין טיש, אַזש די טעלער טאַנצן): עס מוז נעמען אַ סוף. אַ סוף מוז עס נעמען. (יענטע לויפט אַריין).

יענטע: וואָס טוט זיך דאָ? ביזט משוגע געוואָרן? (דערזעט משהן): אָ—

באַביטש: קוק נאָר אַ גאַנג פון אַ „יונג ווייבל", קוק נאָר איר קליידונג, אירע האָר — אַ מכשפה!

יענטע: (כאַפּט אַ טעלער, וויל אויף אים וואַרפן): כ׳וועל דיר ווייזן אַ מכשפה!

משה: (פאַרהאַלט די טעלער): יענטע, וואָס איז מיט אייך? וואָס איז מיט אייך, יענטע? אַזוי, אַזוי פירט מען זיך עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה?

באַביטש: ווי איז מיר, ווי איז מיר, וואָס טוט מען?

יענטע: מ׳גראָבט אויס אַ גרוב און מען באַגראָבט זיך; דו שאַרלאַטאַן! דו אוממענטש!

משה: יענטע, ס׳איז ניט שיין! פע, ווי קומט עס צו אייך? ווער האָט דאָס געגלויבט אויף אייך? איך גיי רופן ביילען.

יענטע: מען דאַרף נישט. (האַלט אים פאַרן אַרבל).

משה: (רייסט אַרויס דעם אַרבל און גייט אַרויס).

יענטע: (שרייט און הויבט די הענט): אַלע דאַרפן וויסן וואָס דאָ קומט פאָר? אַלע — — —

באַביטש: ס׳מוז נעמען אַ סוף, כ׳קאָן אַזוי נישט לעבן, דו הערסט? מיר מוזן זיך צעגיין. מיר זיינען נישט קיין פּאָר. מיר עסן זיך איינע די צווייטע אויף.

האָבן מיר נישט געטראָפן! מיר, מיר זיינען נישט די ערשטע וואָס צוגייען זיך. ס'איז בעסער איצט ווי שפּעטער...

יענטע: (פאַלט אַריין אין שטול און צעכליפּעט זיך): וואָרום? (ווישט די אויגן, שאָקלט מיטן קאָפּ).

באַביטש: דו נעגעסט זיך און פאַרביטערסט מיר מיין לעבן. וואָרום נעגעס־טו מיך? וואָרום קרענקסטו מיך? פעלט דיר עפּעס? פאַרדין איך נישט גוט? וואָרום גייסטו אַזוי אַפּגעלאָזן. כ'האָב געמיינט ביזט אַ שטילע, כ'וועל מיט דיר גיין אומעטום; כ'וועל דיך אויפמונטערן. האָב איך דיר ווען באַליידיקט, איידער דו האָסט מיך גענעגעט? איידער דו האָסט גאָר אָן אַ פאַרוואָס געוואָרפן זיך אויף מיר... ווי איז מען דאָס אַזוי? כ'שעם זיך פּשוט גיין צווישן מענטשן מיט דיר. כ'האָב מורא זאָלסט מיר קיין בושה נישט אָנטאָן. אַלע גלייכן מיר, אַלע מיידלעך פלעגן מיר גלייכן פאַר מיין פריילעכקייט, פאַר מיינע לעבעדיקע וויצן; און דו, וואָס ווילסטו פון מיר?

יענטע: (וויינט): כ'וויל פון דיר גאָרנישט; וואָס ווילסטו פון מיר? לאָז מיך צורו! (אַ קלאַפּ אין טיר).

(משה אוןביילע דערשיינען).

ביילע: וואָס, וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז מיט דיר, יענטע? ס'גלויבט זיך מיר נישט, וואָס משה האָט מיר אָנדערציילט!

יענטע: (פּלאַצט אויס אין געוויין): אַך ביילקע, מיר איז ביטער, ביטער...

ביילקע: אָבער, וואָס — — וואָס — — — —

משה: ס'איז נישט שיין!...

ביילקע: שוויג, משה, זאָל זי זיך באַרואיקן, זאָל זי זיך אויסוויינען, וועט איר גרינגער ווערן...

יענטע: (כאַפּט ביילקעס הענט, דריקט זיי צום ברוסט און צעוויינט זיך): ביילקע, מיר איז אַזוי ביטער!

באַביטש: קום, משה, קום אַרונטער פאַר אַ פּאָר מינוטן. מיר'ן כאַפּן אַביסל שוואַרצן ביר... כ'מוז זיך אַביסל אָנשיכורן, כ'מוז — — —

ביילקע: גיי, גיי אַרונטער, משה; גיי מיט אים; לאָזט אונז אַליין. כ'וויל זיך אַדורכשמועסן מיט יענטען. גיי מיט באַביטשן.

(באַביטש מיט משהן גייען אַרויס).

יענטע: אַך, ביילקע, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? ס'עסט ווי אַ וואָרעם אין מיר. איך דערוועג אים און זיך אויך. וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? (פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און וויינט).

ביילקע: זאָג מיר, יענטע, וואָס רעדסטו, וועגן וואָס רעדסטו?

יענטע: כ'בין אייפערזיכטיק אויף אים; כ'האָב האַלוצינאַציעס; כ'זע אים נאָר מיט אַנדערע פרויען. יעדע נאַכט חלומט זיך מיר אַז ער פאַרברענגט מיט, מיט אַנדערע פרויען... איך זע זיי ליבן אים... זיי גיבן זיך איבער צו אים, יעדע נאַכט, ווי איך פאַרמאַך נאָר די אויגן... אוי, ביילקע, כ'ווער משוגע. פאַר מיינע אויגן לעבט ער מיט פרויען. אַזוי, אַזוי שטעלט זיך מיר פאָר... כ'גיי אַרום ווי משוגע... כ'האָב מורא, ביילקע, פאַר זיך. כ'האָב מורא כ'זאָל עפּעס — — —

ביילקע: ביזט אייפערזיכטיק? יענטע, פאַרוואָס? ווייל דו טראַכסט, דער־פאַר חלומט זיך דיר. ס'איז פול דיין מוח, דערפאַר האָסטו האַלוצינאַציעס. נעם זיך אין די הענט, ביילקע. שלאָג זיך אַרויס פון דיין קאָפּ. ווי איז מיר, יענטע! וועסט אַרונטער פון זינען. ער איז דאָך גוט צו דיר. ווי באַהאַנדלט מען אַ מאַן

אַזוי, ווי?! משה האָט מיר דערציילט, ווי דו האָסט אים באַהאַנדלט. וואָרום טוסטו דאָס? ווי איז מיר, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן?

יענטע: (ברעכט די הענט, כליפּעט): כ׳ווייס נישט,ביילקע. אַ נישט־גוטער שטופּט מיך; כ׳ווייס נישט, ביילקע, כ׳וועל זיך דאָס לעבן נעמען. יאָ, כ׳וואָלט, ווען נישט — — — (שווייגט).

ביילקע: וואָס, ווען נישט? רעד, רעד, דערצייל. טרייב אַראָפּ פון מוח די שווערע געדאַנקען. וואָס רעדסטו האַלבע ווערטער, יענטע?

יענטע: כ׳קען ניט איבערטראָגן, כ׳ליב אים ביז משוגעת, כ׳בין אייפער־זיכטיק אויף זיך אַליין, פאַר דער גרויסער ליבע וואָס איך האָב פאַר אים. איך האָס זיך פאַר ליבן אים אַזוי... איך האָס אים, פאַר וואָס איך ליב אים אַזוי שטאַרק!

ביילקע: בעסער גיי אַריין צו אַ פּסיכיאַטאָר, יענטע. וועסט משוגע ווערן פון אַזוינע געדאַנקען. דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר? אַנדערע פרויען וואָלטן זיך גליקלעך געפילט מיט אַזאַ ליבע; ס׳איז אַן איינערדעניש; ס׳איז אַן אומגליק און — — —

יענטע: וואָס זאָל איך טאָן? די חלומות, די חלומות מאַכן מיר משוגע. כ׳ווייס, כ׳שטעל אים נישט צופרידן, כ׳ווייס...

ביילקע: וואָרום, יענטע? וואָס מיינסטו? זאָג מיר!

יענטע: כ׳האָב, וואָס די מומע שרה׳קע האָט געהאַט. יאָ... ער האָט מיר שוין עטלעכע מאָל פאַרגעוואָרפן... כ׳שטויס אים אָפּ... ער ליידט... כ׳ווייס אַנדערע ווערן אומפּאַטענץ — — — עס גייען אַוועק וואָכן, ער באַרירט מיך נישט! דאָס מאַכט מיך האַלב משוגע!...

ביילקע: גיי צו אַ דאָקטאָר, פרעג אים אַן עצה.

יענטע: געווען. ס׳איז נישטאָ קיין רפואה פאַר דעם. נאָך אַ קינד געבאָרן קאָן דאָס פאַרשווינדן. אָבער ער קאָן פאַרקריפּלט ווערן, פאַרשטייסט. דאָס טרייבט מיך צו משוגעת. כ׳האָב מורא אַז ער ליידט שוין פון דעם!...

ביילקע: ווי הייסט עס? יאָ — די „ווייס“? האַ, אַזוי, די ווייס?

יענטע: די ווייס! יאָ, די ווייס! נאָר שוואַרצע יאָרן פאַר מיר...

ביילקע: פון וואַנען ווייסטו אַז ער ליידעט דורך דעם?

יענטע: ער האָט מיר שוין געגעבן אָנצוהערעניש. דער דאָקטאָר האָט מיר געפרעגט צי ער באַקלאָגט זיך — — — צי ס׳קומט אים אַן שוועך...

ביילקע: טאָ וואָרום נעגעסטו אים נאָך? וואָרום?

יענטע: די שרעק, ווער ווייסט? אפשר בין איך גאָר משוגע? פאַר מיר אַרט שוין ניט. ס׳קאָן זיין אַז פון מיר וועט עס פאַרשווינדן, אָבער פון אים?...

ביילקע: וואָס מיינסטו, פון דיר וועט פאַרשווינדן? אפשר— — —

יענטע: יאָ, ביילקע. כ׳בין אין צווייטן חודש!

ביילקע: (כאַפּט איר אַרום, קושט איר): ווייסט באַביטש פון דעם?

יענטע: כ׳האָב ביז היינט אַליין נישט געוואוסט. ערשט — — —

ביילקע: ווי זאָגט מען דאָס נישט דעם מאַן. ווי — — —

יענטע: ער איז ביי געקומען, פאַרוואָס איך האָב זיך פאַר אים נישט אויסגעפּוצט, דעם שרה!

ביילקע: געוויס דאַרף אַ יונגע פרוי זיך אויספּוצן פאַרן מאַן ווען ער דאַרף קומען; געוויס, ביילקע.

יענטע: כ׳האָב זיך געוואָלט אויסרוען. דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט

כ׳זאָל רוען. ווייסט וואָס ער האָט געזאָגט? די וואָס ליידן פון „ווייס" קענען גיך מפיל זיין. כ׳מוז ליגן אַ סך אין בעט...

ביילקע: ווארום־זשע האָסטו אים נישט געזאָגט?

יענטע: כ׳ווייס נישט, כ׳פאַרגין אים נישט, ער זאָל זיך פרייען! כ׳ווייס נישט... ס׳ליגט אַ טייוול אין מיר.. כ׳בין משוגע, נישט אַנדערש... נאָר רייצן אים.. נעגען... אים און זיך. כ׳בין בייז. כ׳פאַרגין אים נישט!

ביילקע: האָסטו דערציילט דעם דאָקטאָר פון דיין משוגעת, ווי דו רופסט עס?

יענטע: כ׳שעם זיך, כ׳קאָן נישט!... די חלומות מאַכן מיר אים צו האַסן...

ביילקע: זאָלסט גלייך אים אַלעס זאָגן... דערצייל אים. ס׳איז דאָך זיין קינד..

יענטע: כ׳קען נישט! נישט היינט! האָב זיך געקריגט מיט אים, שטאַרק געקריגט!

ביילקע: טאָרסט זיך נישט אויפרעגן. נאָר דו, ווען טוסטו דאָס אָפּ? האָסט זיך אַ משוגעת אַריינגענומען. מאָרגן וועל איך מיט דיר גיין צום דאָקטאָר. איך וועל פאַר דיר ריידן. יאָ, מאָרגן קום איך גאַנץ פרי און מיר׳ן גיין צום דאָקטאָר.

(באַביטש און משה קומען אַריין).

ביילקע: גיי אין בעט, יענטע, זיי רואיק. (שמייכלט): גיי, ס׳וועט זיין „אָלרייט"!...

באַביטש: (קוקט אויף ביילקען און קוקט זיך איבער מיט משהן).

משה: (קוקט אים אָן צוריק און קנייטשט מיט די פּלייצעס).

ביילקע: נו, געהאַט ביר? ווארום נישט אַרויפטראָגן אַ פלעשל אין הויז אַריין? כ׳וואָלט אויך געטרונקען אַ גלעזל ביר.

משה: דו טרינקסט דאָך נישט קיין ביר, ביילקע.

ביילקע: אָבער היינט וואָלט איך יאָ געטרונקען!

משה: וואָס טוט זיך מיט מיין ווייב היינט?!

באַביטש: עפּעס קאָכט זיך ביי דיין ווייב, און וואָס עפּעס האָט איר יענטען געשיקט אין בעט אַריין?... וואָס־זשע קאָכט זיך דאָ?

משה: ווייבער! נאָר זיי האָבן סודות. אַלץ פּרעגלט זיך ביי זיי. נו, ביילקע, אפשר וועלן מיר גיין אַהיים? כ׳דאַרף מאָרגן גיין אַרבעטן. לאָמיר זיך גיין אויס־שלאָפן, האָ? — —

ביילקע: באַלד, מיין מענדל, מירן גיין. כ׳האָב פאַר דיר נייעס...

משה: נייעס? (קוקט אויף באַביטשן, קוועטשט מיט די אַקסלען): מעג באַביטש אויך וויסן פון די נייעס?

ביילקע: ער וועט שוין וויסן! נו, געוויס וועט ער וויסן! וואָס נישט?!

משה: וואָס קאָכט זיך דאָ, ביילקע? אַרויס מיט לשון...

ביילקע: (לאַכט): ס׳וועט שוין אַרויס פאַר די אויגן אויך. מ׳וועט זען און הערן!

משה: באַביטש, וואָס דענקסטו מיינט דאָ מיין ווייב? האָ, באַביטש?!

באַביטש: ס׳איז מיר גאָרנישט קלאָר. כ׳ווייס ניט וואָס איבערצוטראַכטן. (קוקט אויף ביילקען, נעמט איר האַנט): וואָס — וואָס — רעדט, ביילקע! וואָס, וואָס באַהאַלט איר אונטער די רייד? און עפּעס אַזוי אויפגעלייגט!... נו, אַרויס מיט דיבורים, ביילקע! איר ווייסט איך האָב נישט ליב רעטענישן... ביילקע, זאָגט!

ביילקע: הערט אויף, באַביטש, ס׳טוט וויי! לאָזט אָפּ די האַנט!

משה: וואָס איז מיט דיר, באַביטש, לאָז אָפּ איר האַנט! ביזט משוגע?

באַביטש: אַ, פאַרגיט מיר, ביילקע, זיך אויפגערעגט — — —

ביילקע: דאַרפט איר אויסלאָזן דעם כעס צו מיין האַנט? (טרייסלט די האַנט).

משה: אָנו, ווייז די האַנט. ער מיינט דו ביזט אַ שטיק בראָנז, מיינט ער. (טאַפּט איר די האַנט, טוט איר אַ קוש): אַזאַ הענטעלע...

ביילקע: כוח האָט ער פון אַ פערד. איר קענט דאָך אַ מענטשן צעדריקן. (גייט צו אים צו מיט אַ געלעכטערל): איר זייט אַלרייט, מיין שוואָגער. איר זייט אַ מאַן מיט ביינער, טאַקע אַ מאַן!... נו, איך גיי מאַכן קאַפּע, וועלן מיר זיך אָנ־שיכורן! (נעמט דעם טשייניק און גיסט אָן וואַסער און שטעלט אויפן גאַז).

משה: וואָס איז מיט איר? וואָס איז די שמחה מיט דיר? זאָג באַר, מיין ווייב...

ביילקע: (רופט משהן מיטן פינגער).

משה: (גייט צו איר צו, מיט פאַרוואונדערטע אויגן קוקט ער אויף איר).

ביילקע: קום צו נעענטער. האָסט מורא כ'על דיר אָפּבייסן די נאָז...

משה: (גייט צו נאָענט צו איר): האָסט אַ סוד? —

ביילקע: (טוט אים אַ כאַפּ פאַר'ן אויער און רוימט אים אַריין).

— **משה:** (פריילעך): יאָ! יאָ! ביילקע! (טוט די אַ כאַפּ און הויבט די אויף): כאַ־כאַ־כאַ... אויסזאָגן אים? (קוקט פון דזייט אויף באַביטשן, מיט אַ דינעם שמייכעלע. פּאַטשט מיט די הענט): כ'גיי אים אויסזאָגן, ביילקע!

ביילקע: וואָס מיינסטו, ער'ט נישט וויסן?!

משה: געוויס וועט ער וויסן, אָבער איך וויל די מצוה פאַר דער גוטער בשורה...

ביילקע: צי אים נישט די עצמות, טאַ זאָג שוין!

משה: (פּאַטשט מיט די הענט, גייט צו אים צו, גיט אים די האַנט): נו, זאָל זיין מיט מזל, גייסט ווערן אַ טאַטע. אַ טאַטע גייסטו ווערן.

באַביטש: מיט אַן אמת, ביילקע? מיט אַן אמת?

ביילקע: (מיט טרערן אין די אויגן. שאָקלט מיטן קאָפּ): יאָ.

באַביטש: (לויפט אַרויס אין צווייטן צימער, ברענגט אַרויס יענטען אויף די הענט, זעצט די פאַמעלעך אויפן שטול. אַלע קוקן און שמייכלען. ער שטעלט זיך פון ווייטן און קוקט אויף יענטען. יענטע שמייכלט מיט טרערן אין די אויגן). נו, גיי איך ווערן אַ טאַטע! נו, אויב אַזוי, ביילקע, גיי איך אַרויפברענגען גוטע זאַכן, וויין און ביר. (גייט אַרויס אַ פריילעכער).

ביילקע: (גייט צו יענטען און קושט זי).

משה: זעסטו, אַ טאַטע איז נישט קיין קלאָץ...

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דער דיכטער און זיין מיידל



ב. דיימאַנדשטיין: מאַקסים גאָרקי

דער דיכטער און זיין מיידל

אַ דראַמאַטישע פּאָעמע

די בינע: שטולן ביים שרייבטיש, מיט בוך־שראַנקען ביי די ווענט. ביכער אַנגעוואָרפן ביים זייט. אַ פּשוט בעט ניט פאַרבעט; צייטונגען אויפן בעט. דאָרטן זיצט זיין מיידל. די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדער זון פאַלן דורך דער איינציקער פענסטער אין צימער אַריין און עס הויבט אָן אָנקומען די נאַכט. דער דיכטער זיצט ביי זיין שרייבטיש.

***

דיכטער: זעסטו ניט, מיין ליבע, צייט איז ניט גענוג אפילו צו ליבן דיך,
מיר גייט מיין האַרץ אויס, ווען איך טראַכט נאָר פון דיר;
ווען איך זע דיך ניט, מאָלט די פאַנטאַזיע מיר, דיך ליבלעכער, צאַרטער—
נאָר איך מוז, מוז אויסגיסן, די טרייבקראַפט פון מיין נשמה,
אין איינזאַמקייט...

מיידל: יאָ. (אַנגעברוגזט שפּאַנט הין־און־צוריק. זעצט זיך; פאַררויכערט אַ פּאַפּי־ראָס. שטעלט זיך אויף. בלאָזט קרעפּטיק דאָס רויך. שטעלט זיך קעגן דיכטער. קוקט אויף אים. זיי קוקן זיך אָן).

דיכטער: פאַרשטיי מיך, טייערע: כ'מוז עפּעס דערפינדן, שאַפן, עפּעס מיט ווערדע.
אַ ברעקל אנערקענונג קריגן.—אַ בליץ אין דער נאַכט פון לעבן—
צו זיין אַ ווייב, אַ געליבטע פון אַ פּאָעט, אַ דיכטער—דאַרף מען גרויס זיין;
צו לעבן אין זיין וועלט, צו חלומען מיט זיינע חלומותן—
זיין פאַנטאַזיע מיט מער רויזן באַפּוצן...

מיידל: גו. (מאַכט מיט די הענט פאַרצווייפלט)!
דו פלעגסט אַלע מאָל מיך האַלטן ביי דיין זייט
און יעדע סטראָפע לייענען פאַר מיר—און איצט? — —

דיכטער: ווען איך זע דיך ניט ביי מיין זייט, ביזטו ליכטיקער—ביינקשאַפט!
ווערט ליכטיק אין מוח מיר און ס'וועבן, ס'וועבן זיך ווערטער, ווי בלומען,
און אַלע מיינע לידער ווערן דורכגעלויכטן מיט צויבער־שטראַלן—
און ס'פינקלט מיט מאָרגן־טוי, ווען די בלומען צענעמען זיך,
נאָר אַלץ אין איינזאַמקייט.

מיידל: אָבער, וואו זאָל איך אַהינטאָן מיין פוסטקייט, מיין איינזאַמקייט?
איך גיי אַרום ווי אין אַ שאָטן, פון לייענען איז פול אין מיין קאָפּ;
פון יעדן מחבר—פול מיט ראָמאַנסן, דערציילונגען, לידער—
ס'איז דאָרט אַ צעמישעניש אין מיין קאָפּ—לאַנגע האָר—
לאָז מיך זיין ביי דיין זייט; איך שטאַרב פון איינזאַמקייט!

דיכטער: איך קאָן נישט שאַפן, גאָלד מיינער, ווען דו דאָ שטייסט.
כ'טראָג דיך אין מיין נשמה, אין האַרץ, אין די טיפסטע טיפענישן;

דו ביזט דער אָטעם פון מיין נשמה, דער דופק פון מיין האַרץ—
דו ביזט דער טרוים פון מיין חלום־וועלט, נאָר ווען איך דיכטע
אין מיין איינזאַמקייט...

מיידל: ווי לאַנג וועט זיך ציען מיין איינזאַמקייט ?!
ס׳איצט פרילינג, דער דרויסן רופט;
פויגל טוליען זיך, קושן זיך—צוויטשערן,
און דער ריח פון בלומען, פאַרפיומט די לופט...

דיכטער: יאָ, דערפאַר טייערע, ליבע, דער פרילינג איז פאַרגראָבן אין מיר.
ער האָט אַריינגעשניטן אין די אָדערלעך פון מיין האַרצן
און ער ציט די אָדערן, ווי סטרונעס פון אַ האַרף,
און יעדער טשיר פון דעם פויגל איז נאָטן פאַר מיין ליד,
און יעדער קאָליר און פאַרבן פון די יונגענקע, נאָך ניט צעבליטע רויזן,
דאָס וואָרקען פון די טויבן נעמען צו דעם שלאָף פון מיין אויג.
איך פיל ווי ער זינגט אויס אַ שיר פאַר זיין געליבטער ווייב.
איך, אין דעמער פון קאַיאַר, זע ווי זי טוליעט זיך צו אים,
מיט גרינגע, באַוועבטע פליגל־פאָכערלעך
און שנאָבל צו שנאָבל קלינגען אָפּ די קושן;
אפילו די „האָמינג״־פויגעלעך האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די צווייטע.
די שמעטערלינגען ביי ערשטער זון־שטראַל האָבן שוין געזויגן פון בלומען,
און דער קאַרשן־בוים אונטער דער מאָרגן־זון, האָבן אַזש גערייצט,
און די בינען האָבן זייער פרישטיק געגעסן פון ציטראָנען־בליאונג;
און דער האָן האָט אַלעמען אויפגעוועקט אין קאַיאַר, מיט זיין קוקירעקאַדו!
די הון, די גאַנדז, די ענטל און די ציג; די קו און פערד
האָבן שירה געזונגען צום ריבונו־של־עולם,
וואָס האָט זיי די אויגן געעפנט און דעם מאָגן צום אַפּעטיט זיי גערייצט.
און אַ לינד ווינטעלע האָט אין מיין אויער מיט אַ תפילה דורכגעשוועבט...
און ווי מלאכים האָבן ווייסע טויבן סטאַדעס דורך דער לופט געשנימן.
און איך האָב געפילט, ווי דער גאַנצער חלל וואָלט מאָרגן שירה געזונגען—
יאָ, איך האָב דאָס אַלץ געפילט אין מיין שטילער איינזאַמקייט...

מיידל: וואָס בין איך? כ׳בין ווי אַ בלום, וואָס ס׳שלאָגט מיט האָניק־זאַפט;
וואָס ביינקט נאָך דאָס באַריר פון שמעטערלינג, פון בין;
איך בין דער פרילינג, וואָס דיכטער וועבן אין די לידער;
איך בין דער וועבן־וועג פון יעדער סטרונע, שפּילגעצייג.—
וואו זיינען פאַרשוואונדן יענע, וואָס האָבן מיך באַקראַנצט?
וואו זיינען יענע קלאַנגען, וואָס האָבן מיך באַזונגען?
וואו איז יענער פלאַם, דער רייץ, וואָס ס׳האָט געשיינט פון מיינע אויגן?
דער ריח פון ליילאַק־בליאונג פון מיינע האָר,
און איצט זוכסטו פון מיר די איינזאַמקייט!...

דיכטער: פאַר דיר איז מיין גאַנצער איך; פאַר דיר איז די וועלט;
דו ביזט דער שוואַרצער פּערל פון מיין אויג...
דו ביזט די לופט פאַר די לונגען פון מיין גוף;
דו ביזט אַ טייל, אַ שותף פון מיין עקזיסטענץ.

אָבער גאָט האָט מיר געגעבן זעאונגען, וואָס איך קאָן זען,
ווען איך בין מיט אים, מיט אים, ווי אַ נביא—אַליין;
אַליין אין מיין איינזאַמקייט...

מיידל: איך וועל שטיל, ווי אַ שאָטן, ווי אַ שטן ליגן ביי דיינע פיס;
ווי אַ רואיק הינטל וואַרטנדיק פאַר זיין מייסטער'ס אַ באַפעל.
איך וועל איינגראָבן מיין אייפערזוכט, צו דער געטן, די מוזע;
איך וועל קוקן אין דיינע אויגן, ווי דו קושט די זוים פון איר קלייד.—
יאָ, לאָז מיך ווי אַ שטילן שאָטן נאָכגיין, נאָך דיין דמיון־גאַנג—
זען, ווי ס'וועבט זיך אויס פון חלומות—דאָס צויבער־ליד־געזאַנג...

דיכטער: טייערע, דו ביזט דער שוואַרצאַפּל פון מיין אויג,
האָב איך דיר פיל מאָל שוין געזאָגט, מיט דיבור און מיט שיר,
אָבער די מוזע מוז זיין אייפערזיכטיק אויף דיין רייץ—
ווייל דו ביזט ערדיש; דו ביזט פאַרשיכורט־ווײַן;
דו ביזט דער קוואַל פון פיזישן באַגער...
און נאָכן טרינקען ווערט מען רואיק, גרינג און לער;
ערדיש שווערקייט, הונגער, זאַטקייט, און ניט מער.
גייסטיקייט איז העכער, גרינגער; ערדישקייט—האַרט און שווער...

מיידל: נו, געוויס—אַזוי איז פרוי, אַזוי איז ווייב, אין פרילינג־טאַנץ...
מיר מוזן טרייסטן זיך מיט פרוכט, פון פרילינג יונגן־גלאַנץ.
מיר מוזן שפּיגלען זיך אין אונדזער אייגן טראַכט—
וואָס ס'האָט אויסגעחלומט אַ פרילינגדיקע נאַכט...

דיכטער: יאָ, אַזוי איז דאָס פאַר אונדזער פרילינג־טרוים:
דער שמעטערלינג, די בין, די פויגל און די טויב;
אַזוי איז דער וועג וואָס פירט פון ווייטערדיקן זיין.—
עס בליט דער בוים, עס ברענגט די פרוכט, אין ווינטער ער פאַרגייט.
די צווייגן שפּרייטן זיך און האַלטן זיך אָן שטאַם,
און יעדער צווייג ברענגט צווייגעלעך—מער און מער,
און דאָס חנ'עווודיקע פרילינג־בוימעלע איז מיט צווייגן אָנגעלאָדן שווער.
דער שטאַם ווערט דיקער־דיק און ברענגט נאָך נייע צווייגן־בליט—
אַזוי ווי בוים, אַזוי איז מענטש, אַזוי די יאָרן פליט;
אַט ערשט געבליט, מיט פראַכט אַ בוים—געדריקט פון צווייגן־וואָג.
אַט ערשט אַ מיידל יונג און שיין—און אויס—ווי אין הערבסט דער טאָג...
זי האָט שוין קינדער, קינדס־קינדער—ווי אַ דיקער בוים צעקנייטשט.
איר פּלאַץ פאַרנעמט איר קינד, איר אייניקל—אַזוי דער לעבן־גאַנג—
און ווילסט דיין פרילינג זען, טאָ בליק דיין טאָכטער אָן.—
די ערד איז קיילעכדיק; אָט דאָ איז טאָג, און אַנדערשוואו איז נאַכט.—
דאָס לעבן איז אַ וואָקאַציע נאָר, אויב דו האָסט כאָטש גוט פאַרבראַכט...
גליקלעך איז דער נאַר, וואָס האָט אין לעבן צופיל ניט געוואָלט;
וויי איז דעם, וואָס האָט פיל געוואָלט—זיין פרייז טייער האָט ער באַצאָלט...
טאָ רים זיך ניט מיט ערדישער פראַכט, מיט ערדישער רייץ,
און נעם אָן די ליבע, וואָס האָט אויסגעחלומט די פרילינג־נאַכט...

מיידל: מאָלסט מיר אויס מיין צוקונפט שיין, פעלצט מיר אָן מיט שרעק.
עס ציטערט מיר פון טראַכטן נאָר, דענקען פון מיין שפּעט..
עס יאָגט אַ מורא מיר, עס צופּט אין האַרץ, צו טראַכטן פון דיקן שטאַם,
און, אַזוי, מיין פילאָזאָף—גרינג דו טוסט אַ רעד;
אַזוי, אַזוי, [illegible]ין קוק זיך אָן אין שפּיגל פון דער צייט.—
עס ווילט זיך באַלד ניט לעבן שוין; ס'פאַרלירט דאָס לעבנס־ווערט...

דיכטער: ניין, מיין ליבסטע: אויך איך וועל זיין ווי דו;
אויך איך וועל ווערן ברייט און דיק—מיין צאַרט לייב צעקנייטשט!
מיין קרוין, די האָר, גראָ, און אפשר אויסגעפליקט.
נאָך איין זאַך בעט איך גאָט, כ'זאָל דיר אימער זען מיט מיין יוגנט־טרוים,
און דיינע צווייגן—קינדער־פרוכטן, זאָלן רייצן מיט יונגן פאַרב...
און אימער טראָגן אין מיין טרוים דיין ליכטיקן געשטאַלט—
ווייל דו און איך—מיר ווערן איינס—די צווייגן בינדן איין, די ליבע—אַלט!
באַטראַכט דאָס בוים אַיעדן יאָר, זי טוט זיך אָן אַ רינג,
און יעדן יאָר עס מערט זיך צווייגן מער
און רינגען מער און מער באַדעקן דיק איר לייב —
אַזוי ווערט איינגעוואַקסן מאַן צום ווייב !

חוהלע

חוהלע

(אַ שפּיל אין איין אַקט און דריי בילדער)

(די שפּיל האָב איך געפונען צווישן מיינע כתבים. אויפן העפט איז געווען באַ־צייכנט 1911, וואָס אויף דעם זעלביקן העפט געפינען זיך נאָך צוויי איינאַקטערס. איך האָב כמעט גאָרניט איבערגעאַרבעט אַ חוץ די אָרטאָגראַפיע און דאָס וואָרט „פעניסילין״ און אַ פּאָר שורות, כדי צו ברענגען צו אַ שלום, ווייל ס׳איז ניט געווען פאַרענדיקט).

פּערזאָנען אין ערשטן בילד:	פּערזאָנען אין צווייטן בילד:
נוירס, אַרום 25 יאָר אַלט.	אַלע שפּילער: קוקלעס.
דאָקטאָר, אַרום 40 יאָר.	צוויי הינט.
ציפּע, די מוטער, 30 יאָר.	חוהלע.
אַלטער, דער פאָטער, 30 יאָר.	**דריטע בילד:**
חוהלע, די טאָכטער, 8 יאָר אַלט.	אַלעס ווי אין ערשטן בילד.

אַ קליין צימער, אַ בעט מיט אַ קליינעם קאָמאָד. אויבן אַ שפּיגל, אַ קליינע וויגשטול, אַ קליין טישל, דריי שטולן ביי די זייטן. אַרום ליגן אַלייערליי שפּילצייג, ליאַלקעס, אַ פערדל אויף אַ וויגשטול: אַלערליי קלעצלעך, וואָס מען בויט אויף הייזלעך; אַ ברעטל אויף אַ שטענדער, וואָס מ׳קען שרייבן מיט גראַפּיט; קינדער־ביכלעך; די ווענט באַהאָנגען מיט אַלערליי קינדער־בילדער פון פאַרשידענע היימישע חיות און לאַנדשאַפטן. חוהלע ליגט אין בעטעלע. דער דאָקטאָר באַטראַכט איר. זי האָט שטאַרקע היץ. איר טאַטע־מאַמע שטייען פאַר׳אַבל׳טע. די מוטער ברעכט מיט די הענט. טרערן קאַפּען פון אירע אויגן.

נוירס: זעצט זיך און שטערט ניט דעם דאָקטאָר.

אַלטער: ציפּע טייערע, דו מאַכסט נערוועז דעם דאָקטאָר.

ציפּע: (ווישט די אויגן): יאָ. (שאָקלט מיטן קאָפּ): מיין טייער קינד.

נוירס: זעצט זיך, זייט אַזוי גוט, ליבע פרוי. (רעדט שטיל): דער דאָקטאָר איז בייז. ער קאָן דאָס ניט ליידן. יאָ, ער קען ניט ליידן.

אַלטער: ציפּע. (קוקט אויף איר מיט רחמנות־: אפשר וועסטו גיין וואָס צובייסן? האָסט אַ גאַנצע נאַכט ניט — — —

ציפּע: (שאָקלט מיטן קאָפּ): ניין, אַלטער, ניין. כ׳וויל גאָרניט.

אַלטער (רעדט איר נאָענט צום אויער): דער דאָקטאָר איז בייז. ער איז געקומען אַזוי פרי. ס׳איז נאָך פינסטער, ציפּע...

ציפּע: (שאָקלט מיטן קאָפּ; האַלט דאָס נאָזטיכל אויפן מויל): עס וויינט זיך. מיין האַרץ גייט מיר אויס. מיין איינציק קינד.

דאָקטאָר (צו דער נוירס): זייט אַזוי גוט, גיט מיר דעם טערמאָמעטער. זי האָט אַ „טאַטש״ אויף לונגען־אָנצינדונג.

ציפּע: (שפּרינגט אויף, ברעכט מיט די הענט): מיין קינדעלע!

דאָקטאָר: די פעניסילין וועט איר העלפן. די פעניסילין וועט די היץ אַראָפּ־זעצן. זייט ניט אומרואיק.

אַלטער (זעצט זיך אַוועק): ס׳וועט זיין „אַלרייט״, ציפּע...

נוירס (מאַכט מיט דער האַנט צו ציפּען, זי זאָל ניט שטערן): **מיסטער, נעמט די ווייב אין צווייטן צימער.**

ציפּע: ניין, ניין! כ־כ׳וועל זיין רואיק, פּליז, פּליז, שיקט מיר ניט אַרויס.

אַלטער: טאָ זיי רואיק, ציפּע!

ציפּע (שאָקלט מיטן קאָפּ): **יאָ, יאָ, כ־כ׳וועל, כ׳וועל—אַלטער.**

(מען זעט ווי דער דאָקטאר שפּריצט אַריין די פּעניסילין. די נוירס העלפט אים. דאָס קינד טוט אַ ציטער מיט אַ קרעכץ).

דאָקטאר (רייבט זיך די הענט צופרידן): **ס׳וועט זיין אַלרייט, איך זאָג אייך.** (טאַפּט דעם פּולס): **פיין, ס׳גייט ניט העכער.** (צו דער נוירס, וואָס נעמט אַרויס דעם טערמאָמעטער פון קינד... און דערלאַנגט דעם דאָקטאר. דער דאָקטאר באַגייס־טערט): **אויסגעצייכנט! איר זעט, די היץ פאַלט שוין אַרונטער.**

ציפּע: (בייסט דאָס נאָזטיכל מיט די ציינער. שטעלט זיך אויף, גייט צו צום בעטעלע, טוט אַ כליפּ): **מיין קינדעלע, מיין טאָכטערל!**

דאָקטאר (טוט זיך אָן): **די נוירס וועט דאָ בלייבן. זי ווייסט שוין וואָס צו טאָן...**

אַלטער (העלפט אים אָנטאָן דאָס מאַנטל): **אַ דאַנק, דאָקטאר, אַ גרויסן דאַנק פאַר אייער גיכן קומען.**

דאָקטאר (צו דער נוירס): **קלינגט מיר אָן אַלע האַלבע שטונדע און לאָזט מיר וויסן.**

נוירס: יעס סער, דאָקטאר.

דאָקטאר: איך וועל דאָ צוקומען נאָך מיינע אָפּיס־שטונדן.

ציפּע: גאָט זאָל אייך גוטס טאָן, דאָקטאר.

דאָקטאר (נעמט זיין סעטשל): **בּוּ, אַ גוטן מאָרגן. ס׳וועט זיין גוט.** (אָפּ).

ציפּע: (קוקט אין קינד׳ס פּנימל, רייסט מיט די ציינער דאָס נאָזטיכל, פאַרדריקט אין זיך דאָס געוויין).

נוירס: זייט אַזוי גוט, איצט מעגט איר אַריין אין צווייטן צימער. דאָס קינד שלאָפט. מען דאַרף איר ניט שטערן. זי דאַרף איבערשוויצן.

(אַלטער נעמט ציפּען אונטערן אָרעם און פירט זי אַרויס).

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

חוהלען חלומט זיך אַז זי איז אין אַ גרויסן צימער מיט שפּיגלען אַרום די ווענט. אַרום און אַרום פול מיט קוקלעס (ליאַלקעס). זיי גייען אַרום און טאַנצן און זינגען. פונוויטן, דורך די אָפענע טיר און פענסטער, זעען זיך בוימער פון אַלער־ליי פרוכטן. עס הערט זיך דאָס הערלעכע זינגען פון די מאָרגן־פייגעלעך. עס הערט זיך דאָס מעקען פון אַ ציג, פון אַ קו, די קולות פון אַלערליי עופות, דאָס קרייען פון הענער. די קוקלעס ברענגען אַריין אַלערליי פרוכטן אויף גאָלדענע טעלער און מען שטעלט עס אַוועק אויף די לאַנגע טישן, וואָס זיינען באַדעקט מיט גאָלדענע און זילבערנע טישטעכער. גרויסע, לאַנגע בענק, מיט רויטן פלויש באַ־צויגן. ווייסע טויבן פליען פון איין ראַנד פענצטער צו אַ צווייטן. חוהלען זעצט מען אויבנאָן אויף אַ גאָלדענער שטול. די קוקלעס ברענגען איר צו פאַרשידענע פרוכטן און בוקן זיך פאַר איר, ווי זי וואָלט אַ פּרינצעסין געווען. פון דער מאָרגן־זון שפּיז־לען אַריין זון־שטראַלן און ברענגען פאַסן שאַרפע ליכט דורך טיר און פענסטער. נאָכן אָפּעסן די פרוכטן האָט מען חוהלען צוגעבראַכט זיסע קוכן מיט ציגענע מילך.

דערנאָך האָט מען זי געגומען אין מיטן צימער, וואו ס'איז געשטאַנען אַ גרויסע בינע. אַרום האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער פון קוקלעס, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אין בלויע מאַנטלען און רויטע מיצן, און די אַנדערע קוקלעס האָבן געטאַנצט און צוגעזונגען, און חוהלע האָט געגלעט די קעפּ פון די צוויי גרויסע הינט, וואָס האָבן איר באַוואַכט. די קוקלעס האָבן ניט קיין נעמען נאָר נומערן אין פאָרנט פון זייערע מאַנטלען.

קוקלע איינס: (קומט צו חוהלען, פאַרנייגט זיך): **וואָס איר זאָלט ניט פאַר־לאַנגען קאָנט איר דאָ קריגן. פאַרלאַנגט נאָר.**

קוקלע צוויי: (גייט צו צו חוהלען): **וואָלט איר געוואָלט טאַנצן מיט מיר, חוהלע?**

חוהלע: גענויס וואָלט איך געוואָלט. כ'האָב ליב צו טאַנצן. **איך קאָן טאַנצן באַלעט.**

קוקלע איינס: ברענגט אַריין אַ באַלעט קאָסטיום פאַר חוהלען.

עטלעכע קוקלעס ברענגען אַריין אַ באַלעט־קאָסטיום פון ווייסן זייד און ווייכע דין־געשטריקטע שיך מיט גאָלדענע ראַנדן. מען טוט איבער חוהלען, און חוהלע שטעלט זיך אין מיטן דער בינע, מיט דער קוקלע נומער 2, און חוהלע צעלאָזט זיך נאָך דאָס שפּילן פון דעם וואונדערבאַרן אָרקעסטער. זי שוועבט ווי אין דער לופטן. זי וואונדערט זיך אַליין פון איר וואונדערבאַרן טאַנצן.

חוהלע: אַך וואָלט איך געוואָלט מיין לערערין זאָל מיך זען אַזוי גוט טאַנצן דאָ. אַך, וואָלטן איצט געווען דאָ מיינע חברטעס, אַך וואָלטן זיי זיך געוואונדערט ווי איך טאַנץ!...

קוקלע איינס: איר טאַנצט וואונדערבאַר שיין, חוהלע.

חוהלע: איך לערן זיך אין אַ טאַנץ־שול.

קוקלע צוויי: גענויס, גענויס מוז מען זיך לערנען צו קענען אַזוי גוט טאַנצן.

(די הינט קומען צו צו חוהלען, לעקן אירע הענט און קושן זי, ווי זיי וואָלטן צופרידן געווען פון איר טאַנצן).

קוקלע איינס: איר זעט, די הינט געפעלט אויך אייער טאַנצן.

חוהלע: וואָס ווייסן די הינט פון טאַנצן? פון — — —

קוקלע איינס: זיי זיינען גאָר מבינים, די הינט. זיי קענען אויך טאַנצן! בעט זיי נאָר, וועט איר זיך וואונדערן. נאָר איר קענט זיי באַפעלן צו טאַנצן. זיי מוזן אייך פאָלגן.

חוהלע: אַזוי גאָר? ווי רופט מען זיי? ווי זאָל איך זיי רופן?

קוקלע איינס: איינער הייסט: „גוטער היטער,“ און דער ווייסער: „מאָרגן־וואַך“!

חוהלע: (קוקט אויף זיי, באַטראַכט זיי, גלעט זיי איבער די קעפּ): **„גוטער היטער“: ווערסט פאָלגן מיר?**

גוטער־היטער: (שאָקלט מיטן קאָפּ, לאָזט אַרויס): **האַוו־האַוו־האַוו!**

קוקלע איינס: **„מאָרגן־וואַך“ זאָגט, ער וועט אויך פאָלגן.**

חוהלע: נו גוט, טאַנצט ביידע, לאָמיר זען ווי איר טאַנצט.

ביידע הינט נעמען זיך צו טאַנצן. פילע מאָל טאַנצן זיי אויף איין פוס. חוהלע איז אין התפעלות. זי קען זיך גאָרניט גלויבן ווי די הינט טאַנצן באַלעט, דאָס זי לאָזט זיך אַליין טאַנצן מיט זיי. אַלע פּאַטשן בראַוואָ. חוהלע, אַ מידע, זעצט זיך צו

און די הינט זעצן זיך ביי די זייטן פון איר און קושן אירע הענט און קוקן איר אין די אויגן.

חוהלע: איך בין זייער מיד, איך וואָלט זיך געוואָלט אויסרוען.

קוקלע איינס: טוט אַ קלאַפּ 3 מאָל מיט איר רעכטן פוס און גלייך האָט זיך אַ פאָרהאַנג געעפנט. עס דערזעט זיך אַ גאָלדענע בעט מיט ראָזעווע בעטגעוואַנט און אַלץ אין שלאָפצימער איז פון גאָלד, דימענטן און זילבער. פיר קוקלעס נעמען חוהלען אויף די הענט און מען לייגט זי אויף דעם ווייסן ליילעך און מ'האָט זי איינגעדעקט מיט די ראָזעווע צודעקעכץ און די צוויי גרויסע הינט האָבן זיך צעשטעלט פון ביידע זייטן אויף דער וואַך. חוהלע האָט זיך גוט אויסגעגענעצט און איז געשמאַק איינגעשלאָפן. די קוקלעס האָבן שטיל געזונגען אַ שלאָפליד און ס'איז געוואָרן שטיל. די קוקלעס, איינע נאָך דער צווייטער, האָבן זיך אַרויסגערוקט פון שלאָפצימער און די ליכט האָבן זיך גענומען אויסלעשן, נאָר אַ קליין לעמפל איז געבליבן ברענען אויף אַ גאָלדן מאַרמל־טישעלע ביי דער רעכטער זייט פון דער גאָלדענער בעט. די צוויי הינט האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע הינטערשטע פיס מיט די פּנימער צו חוהלעס פּנים.

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

אין ערשטן צימער

(חוהלע ליגט אין אַ גרויסער היץ. דער דאָקטאָר גיט איר אַן איינשפּריצונג)

דאָקטאָר: זי וועט באַלד איבערקומען דעם קריזיס. ס'שלאָגט דער שווייס אַרויס.

נוירס: יאָ, דאָקטאָר, ס'ווייזט אַז זי איז אַריבער דעם קריזיס.

ציפּע: (מיט פאַרוויינטע אויגן): העלף איר, גאָט!

אַלטער: (אַ מידער פון ניט שלאָפן און שרעק): ציפּע, לייג זיך צו, ציפּע. וועסט נאָך קראַנק ווערן.

ציפּע: הערף אויף אַלטער. ווען מען ליגט דער שלאָף אין זינען? אַז— — —

דאָקטאָר: ס'וועט באַלד אַריבער. זי שוויצט, זי שוויצט שטאַרק און די היץ איז געפאַלן. (קוקט ווידער אויפן טערמאָמעטער): פיין, פיין. דער קריזיס איז אַריבער. ס'איז כמעט נאָרמאַל...

ציפּע: אוי!... (זי פאַלט אַריין אין שטול מיט אַ שטילן שלוכצן).

דאָקטאָר: וויינט, וויינט זיך אויס. וועט אייך גרינגער ווערן.

אַלטער: (ווישט זיך די אויגן מיטן לינקן האַנט. שלינגט אַראָפּ אַ טרער, טוט אַ שנאָרקע מען זאָל ניט פילן, ניט זען, ווי ס'פאַלן טרערן פון די אויגן).

דאָקטאָר: זי קומט צו זיך. זי באַוועגט זיך! זי — — —

נוירס: יאָ, יאָ, דאָקטאָר. זי האָט זיך אַריר געטאָן.

ציפּע: (שטעלט זיך אויף, קוקט אין בעטעלע).

חוהלע: (באַוועגט זיך מיטן רעכטן הענטל און טוט זיך אַ טרייסל).

דאָקטאָר: (צו אַלעמען): רוקט זיך אָפּ פון בעט. רוקט זיך אָפּ. זאָל זי האָבן לופט. (ער אויך רוקט זיך אָפּ, אַ חוץ די נוירס בלייבט לעבן בעטל און דעקט צו דאָס קינד).

חוהלע: (עפנט אַביסל די אויגעלעך).

ציפּע: (וויל צולויפן צום קינד).

דאָקטאר: (האַלט איר אָפּ): ניט אַזוי גיך. זאָל זי קומען צו זיך. האָט געדולד. וואָס ווילט איר זי איבערשרעקן?

נוירס: מאַכט זיך ניט וויסנדיק, דערציילט אים גאָרניט. האַלט זיך פּשוט, ווי ס'איז גאָרניט געווען, ווי ס'איז גאָרניט געשען... זאָל זי דערוואַכן, זיך אויס־טשוכען!...

חוהלע: (עפנט די אויגעלעך, קוקט אַרום, קוקט אויף דער נוירס): איך וויל אַ טרוינק, מאַמע!

ציפּע: יאָ, מיין קינד, גלייך!

נוירס: (גיט ציפּען אַביסל וואַסער): גיט איר מיט אַ לעפעלע, צוביסלעך...

חוהלע: (קוקט זיך אַרום): וואו זיינען די קוקלעס? די הינט? אַי די הינט, וואָס קענען טאַנצן...

דאָקטאר: ס'האָט זיך איר געחלומט אין קריזיס...

נוירס: פאַררעדט איר, אָדער רעדט גאָרניט. זאָל זי ריידן, זאָל זי דערציילן וואָס ס'האָט זיך איר געחלומט.

חוהלע: וואו זיינען די קוקלעס? וואו איז די קוקלע נומער איינס און נומער צוויי? אַך די גאָלדענע בעט! מאַמע, מאַמע, פיר מיך אַהין, מאַמע. דאָרט איז שיין, וואונדערבאַר... מאַמע, איך בין הונגעריק: גיב מיר דעם זיסן קוכן מיט די ציגענע מילך. ס'איז זייער, זייער געשמאַק געווען, מאַמע... אַי, מאַמע, כ'בין מיד. כ'וויל שלאָפן... של־ל־ל־־...

נוירס: (לייגט זי אין בעטל): זי איז נאָך שוואַך, זי מוז שלאָפן נאָך אַ פּאָר שעה; יאָ, דאָקטאר?...

דאָקטאר: נעמט איר דופק, נעמט אויך איר טעמפּעראַטור.

נוירס (נעמט איר דופק): ס'איז כמעט נאָרמאַל, דאָקטאר. (טאַפּט איר שטערן) ניין, דאָקטאר, ניטאָ קיין היץ... ניטאָ — —

דאָקטאר: זאָל זי שלאָפן, זאָל זי קומען צו זיך. (ער גיט איר אַ רעצעפּט). זעט, גיט איר ווי זי וועקט זיך אויף: אַ פּיל אַלע שטונדע, און גיט איר מילך, ווי זי וועט זיך אויפּבאַפּן. אַביסל וואַרעמע מילך מיט אַ קרעקער.

ציפּע: (צעטומלט): וואָס, וואָס, דאָקטאר—זאָל איך מיט אירע—חלומות?

דאָקטאר: ס'וועט אַריבער, אָט וועט זי אפשר האָבן אַנאַנדער חלום? יאָ...

אַלטער: יאָ, ציפּע, זי וועט אַנאַנדער חלום — — —

נוירס: ס'איז זייער גוט וואָס זי איז ווידער איינגעשלאָפן—יאָ, דאָקטאר?

דאָקטאר: זי וועט לאַנג ניט שלאָפן. זי איז אויסגעהונגערט און אויסגע־מאַטערט. זי דאַרף וואָס אין מויל נעמען. גרייט צו לעבלעכע מילך מיט אַביסל זיסעס. זי דאַרף קריגן ענערגיע אַביסל—אַביסעלע...

ציפּע: איך בין אַזוי מיד—מיד... (זי דרעמלט איין).

אַלטער: קום, ציפּע אין בעט. (דער דאָקטאר העלפּט אים. מען פירט די אַרויס פון צימער האַלב שלאָפנדיק).

(פ א ר ה א נ ג)

ניו־יאָרק, 1911.

די בלינדע און איר טאָכטער



פראָפעסאָר שמיט ב. דימאָנדשטיין

די בלינדע און איר טאָכטער

פערזאָנען און באַטייליקטע:

מוטער: אַ בלינדע, אין אַלטע אָרעמע קליידער, מיט אַ שטעקן אין האַנט.
דבורה'לע: איר טעכטערל, אַרום 8 יאָר אַלט.
זשוק: אַ שוואַרצער גרויסער הונט.
אַ וואָלף, אַ גראָער.
אַן אַלטער מאַן.
פויערים און פויערטעס.

אַ וואַלד. ביים זייט דיקע סאָסנע־בוימער. עס ציט זיך אַ סטעשקע. ס'איז פרילינג־צייט. די נאַכטיגאַלן זינגען. פייער־פליגעלעך וואַרפן זיך פאַר די אויגן. אַ פּאַס לבנה־ליכט שניידט דורך פאַרן סטעשקע. שטערן פינקלען. דבורהלע מיט איר בלינדער מאַמען זעען זיך אַרויסקומען פון וואַלד. הינטן גייט זיי נאָך זייער שוואַרצער געטרייער הונט, זשוק.

מוטער: דבורהלע, זיינען מיר שוין אַרויס פון וואַלד?

דבורהלע: באַלד, מאַמע.

מוטער: דו האָסט מיר שוין לאַנג צוריק געזאָגט, אַז מיר גייען אַרויס פון וואַלד. ווי לאַנג נאָך, דבורהלע?

דבורהלע: אָט זע איך פון ווייטן דעם וועכטערס הייזל. כ'זע, מאַמע, דאָס ליכט אין פענסטער.

מוטער: האָסט עס מיר פריער אויך געזאָגט, דבורהלע. וואו איז דער הונט?

דבורהלע: ער גייט הינטער אונז, מאַמע.

מוטער: אָבער זאָג מיר, מיין קינד, וואָרום נעמט אונז היינט אַזוי לאַנג דורכצוגיין דאָס וועלדל?

דבורהלע: כ'וויים נישט, מאַמע, כ'בין מיד! מיר דוכט מיר גייען און גייען און שטייען אויף איין אָרט! יאָ, מאַמע, שוין לאַנג אַז איך זע דעם וועכטערס הייזל און מיר זיינען אויפן זעלביקן אָרט. כ'האָב מורא, מאַמע...

מוטער: גאָט זאָל אונז אויסהיטן. איך פיל אויך מיד, מיין קינד.

דבורהלע: הער ווי דער סאָלאָוויי זינגט אַזוי זיס! ווי ער פאַרגייט זיך, הערסט, מאַמע?

מוטער: אויסערגעוויינלעך! איז ליכטיק די נאַכט? איז די לבנה אַ פולע?

דבורהלע: ס'איז ליכטיק, מאַמע, נאָר כ'זע נישט די לבנה. זי מוז זיין אַהינטערן וואַלד. הערסט ווי די בוימער שושקען זיך? דו הערסט, מאַמע? ווי זיי וואָלטן ריידן צו אונז!

מוטער: גאָט זאָל אונז באַהיטן! (טאַפּט איר שטעקן, קלאַפּט אים אָן דער ערד): באַשיץ אונז, גאָט! באַשיץ מיין קינד! וואו איז זשוק? זשוק, קום אַהער, זשוק!

זשוק: (דער שוואַרצער הונט קומט און שטעלט זיך לעבן דער מוטער). האַוו־הוואַ־האַוו!

מוטער: (טאַפּט אים אָן): ביזט גרעסער פון דבורהלען, זשוק!

דבורהלע: ער שטייט אויף זיינע הינטערפיס. ער איז הויך כמעט ווי דו, מאַמע.

מוטער: יאָ, יאָ, איך פֿיל עס. (טאַפּט דעם הונט): זשוק, פֿיר אונז אַהיים, זשוק.

זשוק: (צעבילט זיך): האַוו־האַוו־האַוו!

מוטער: איז זשוק אומרואיק, מיין קינד?

דבורהלע: יאָ, מאַמע. ער זעט אימעצן קומען.

מוטער: זאָל כאָטש קיין בייזע חיה נישט אָנקומען.

דבורהלע: (דערשראָקן): יאָ, אפשר, אָבער, מאַמע?

מוטער: זאָל אונז גאָט באַהיטן, קינד מיינס! גאָט זאָל אונז באַהיטן.

דבורה: אוי, מאַמע, פֿייערדיקע אויגן זע איך קומט אונז אַקעגן!

מוטער: אַ וואָלף! נאָר איינער, מיין קינד?

דבורהלע: צוויי אויגן, מאַמע.

(עס באַווייזט זיך אַ גרויסער גראָער וואָלף. זשוק טוט זיך אַ לאָז אויף אים. עס הערט זיך אַ געוואַלד. זיי שלאָגן זיך. דער וואָלף קוויטשעט. דער הונט רייסט פֿון אים שטיקער. דער הונט דערשלאָגט אים. עס זעט זיך אַ ריטשקע בלוט).

דבורהלע: מאַמע, מאַמע: זשוק האָט דערהרגעט דעם וואָלף.

מוטער: כ'האָב געוואוסט, ער וועט אים דערהרגענען!

דבורהלע: פֿונוואַנען האָסטו געוואוסט, מאַמע?

מוטער: אַ הונט האָט פֿיינט אַ וואָלף.

דבורהלע: אָבער דער וואָלף איז גרויס ווי ער.

מוטער: אָבער דער הונט איז שטאַרקער.

(עס הערט זיך פֿון אַ בוים אַ בורקען פֿון אַ שפּאַרבער).

זשוק: (האַווקעט צום קלאַנג): האַוו־האַוו־האַוו! (הייבט אָן בייסן דעם וואָלף).

דבורהלע: מאַמע, זשוק וויל עסן דעם וואָלף.

מוטער: זשוק, זשוק, קום צו מיר, קום צו מיר צו.

זשוק: (רוקט זיך צו צו דער מוטער, לעקט איר דאָס פּנים).

מוטער: גוטער זשוק, טייערער זשוק: האָסט אונז געראַטעוועט!

(פֿון וויטן ווייזט זיך אַ געשטאַלט אָנקומען. זשוק שטעלט אָן די אויערן, נאָר ער האַווקעט נישט: עס קומט צו אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד מיט אַ דיקן שטעקן).

דבורהלע: אַן אַלטער מאַן איז דאָ, מאַמע!

אַלטער מאַן: האָב נישט מורא, מיין קינדעלע, כ'וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן.

מוטער: (שטעלט זיך אויף דערשראָקן, טאַפּט דעם מאַן): ווער זייט איר, רב ייד? זייט איר אַ ייד? אַ יאָ, איר רעדט יידיש. פֿון וואַנען קומט אַ ייד? פֿון דאָרף? מיר גייען און גייען און מיר קענען ניט אַרויסגיין פֿון וואַלד. זשוק, אונדזער הונט, האָט אונז געראַטעוועט, ער האָט דערהרגעט אַ גרויסן וואָלף. ווייז אים, דבורהלע!

דבורהלע: ער קוקט אויף אים. ער זעט אים, מאַמע.

מוטער: מיך וואונדערט עפּעס, רב ייד, דער הונט בילט ניט אויף אייך! ער בילט אויף יעדן, נאָר נישט אויף אייך!

דבורהלע: נו, טאַקע, מאַמע, כ'וואונדער זיך טאַקע. זשוק בילט דאָך אויף יעדן!

אַלטער: אַ הונט האָט אַ חוש, ער דערקאָנט אַ פיינט, אַ שונא. איך בין אייך נישט קיין שונא.

מוטער: ווי קוקט אויס דער מאַן? זיין שטימע איז מיר זייער באַקאַנט.

אַלטער מאַן: (צו דבורהלען): קוק אַן דאָרטן.

(עס קומען אַן פויערים פון דאָרף מיט גרויסע שטעקנס, העק און קאָסעס).

דבורהלע: אונזערע שכנים קומען אונז אַקעגן!

פויערטע: דאַנקען גאָט! סלאַווא באָגו! זיי לעבן!

פויער: מיר האָבן געמיינט, די וועלף האָבן אייך פאַרצוקט און אויפגעפרעסן. מיר האָבן אפשר צען געטויטעט! מיר האָבן זיך געשראָקן פאַר אייך!

דבורהלע: זשוק האָט איינעם דערהרגעט.

זשוק: (לויפט צו צום וואָלף, שטעלט זיך אויף אים): האַוו־האַוו־האַוו!

פויערטע: (גלעט זשוקן): ביזט אַ גוטער היטער, זשוק! היטסט דיין בלינדע באַלעבאָסטע.

מוטער: ער איז מיינע אויגן. קום אַהער, זשוק.

זשוק: (קומט צו איר, לעקט זי).

דבורהלע: וואו איז דער אַלטער מאַן, מאַמע? נישטאָ אים מער דאָ!

מוטער: נישטאָ, זאָגסטו, מיין קינד?!

דבורהלע: יאָ, מאַמע, נישטאָ!

פויערטע: וועגן וועמען רעדסטו, דבורהלע?

דבורהלע: דאָ איז ערשט געווען אַן אַלטער מאַן, מיט אַ גראָבן שטעקן, מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד.

פויער: באָזשע מאָי! האָסט אים געזען, דבורהלע? (צלמט זיך).

מוטער: כ'האָב מיט אים גערעדט. איך אַליין האָב מיט אים גערעדט!

(אַלע גוים פאַלן אויף די קני, פרעפלען און מאַליען זיך).

מוטער: גאָט איז מיט אונז! דערפאַר זיינען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און פון וואַלד ניט געקענט אַרויסגיין. נו ,קומט, מיר'ן גיין אַהיים. (אַלע שטעלן זיך אויף, בוקן זיך און פרעפלען ווידער): גאָט איז געווען מיט אונז!

פויער: איך וועל פאַר אייך נעמען אַהיים דעם וואָלף, כ'וועל אים אָפשינדן, און זשוק וועט האָבן וואָס צו פרעסן. (שלעפט דעם טויטן וואָלף. אַלע גייען אַרויס פון וואַלד).

(די לבנה קערט אָפּ די ליכטיקייט. ס'ווערט טונקל. די פייגעלעך דינגען זיך פאַנאַנדער. עס הערט זיך דאָס פריילעכע האַווקען פון הונטס ווידערקלאַנג).

מוטער: פיר מיך, מיין קינד. פיר מיך אַהיים, כ'בין מיד...

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

מגפה



שלום עליכם — ב. דיימאָנדשטיין

מגיפה

(איינאַקטער אין צוויי סצענעס — געשריבן אין 1912)

אַן אָרימער איין־צימער שטוב. פּשוטע, ניט לאַקירטע מעבל. אין סאַמע ווינקל, אַ שוסטער־אַרבעטס־טישל, שוסטער־געצייג, קאָפּילן, האַמערס, צוועגנגלעך, פּיילן, עטלעכע אַלטע שוכוואַרג. אַ גרויסער אויוון. עס ברענט אַ קליינער פייער פון איבערגעבערענט האָלץ.

שרה באַקט בלינעס אויף צוויי שקאָווערדעס. נעמט אַרויס איינע, נעמט אַראָפּ דעם בלין, שמירט ווידער אונטער און גיסט אַרויף און שטופּט אין זאויוון אַריין.

אַ פּאַרהאַנג אין פאַרצויגן פון אויוון צום וואַנט, וואָס טיילט אָפּ אַ שלאָפצימער. אין מיטן צימער איז אַ פּשוטער טיש מיט שטולן. עס הענגט אויפן וואַנט דעם ווילנער גאונ׳ס בילד. נידעריקער הענגט אַ וואַנטזייגער. ביים לינקן זייט, אַן אַלטער קאָמאָד.

פּערזאָנען:

משה־ברוך: אַ שוסטער, אַ יאָר 30, מיט אַ שוואַרץ בערדל און פּאהלעך.
שרה, זיין ווייב, אין די זעלבע יאָרן; דאַר, מיט אַ שייטל, מיט אַ פאַרטוך.
זעלדע: שרה׳ס שוועסטער. הויך, רייך אָנגעטאָן. בלאָנד.
רחל: 4 יאָר אַלט; זייער טאָכטער.
לייזער: 6 יאָר אַלט; זייער זון.
רבי: אַ טיפּישער רבי; מיט לאַנגער באָרד און לאַנגע פּאות.
פעלדשער: אַלאַ דאָקטאָר געקליידעט.

ערשטע סצענע

שרה: (רעדט צו זיך): מען דאַרף צווואַרפן נאָך אַ שייטל האָלץ. (זוכט, נעמט אַרויס אַ שייטל האָלץ און וואַרפט צו. נעמט אַרויס די סקאָווערדע מיט אַ בלין): נו, ס׳וועט זיין גענוג, גלויב איך: אַרום צוויי טוצן בלינעס.

משה־ברוך: (קומט אַריין פון דאַוונען, קושט די מזוזה; לייגט אַוועק דיין טלית און תפילין, רייבט זיך די הענט): אַי, ס׳איז קאַלט אין דרויסן, ס׳ברענט אַ פראָסט!

שרה: אַבי אין הויז איז וואַרעם.

משה־ברוך: די קינדערלעך שלאָפן נאָך? ס׳איז עפּעס אַזוי שטיל.

שרה: כ׳האָב זיי אַריינגעשיקט צו זעלדען, זיי זאָלן מיר לאָזן טאָן מיין אַרבעט.

משה־ברוך: אין אַזאַ קעלט שיקסטו זיי גאַנץ פרי אין גאַס אַריין, שרה?

שרה: און אַזוי לויפן זיי ניט אַלע ווילע, אַרויס, אַריין? דאַרטן וועלן זיי אַזוי ניט שטיפן.

משה־ברוך: לייזערן שוין צייט באַלד אין חדר צו גיין. (קוקט אויפן וואַנט־זייגער): איכ׳ל גיין זיי ברענגען, שרה.

שרה: זאָג זיי, ס׳איז פאַרטיק די בלינעס. בעט ביי זעלדען אַביסל זויערמילך. ס׳איז געשמאַק מיט בלינעס. רחלע האָט ליב זויערמילך מיט בלינעס.

משה־ברוך: גוט. (אָפּ).

שרה: (לייגט אַוועק אַ טישטעך אויפֿן אומגעלאַקירטן טיש, שטעלט אַוועק די בלינעס איינגעדעקט אין אַ האַנטוך; לעפל, גאָפּלען לייגט זי אַוועק לעבן יעדן טעלער. גייט צו, טוט אַ הויב דעם פֿאָרהאַנג. עס זעט זיך אַ בעט מיט אַ 6-5 קישנס איינע אויף די צווייטע; אין קישן פֿון דער צווייטער קלענער, ווי אַ פּיראַ־מידע. זי נעמט אַרויס דאָס קליינינקע קישעלע און לייגט אַרויף אויף די בלינעס, די זאָלן ניט אָפּקילן. משה־ברוך מיט לייזערן און רחלען קומען אַריין).

משה־ברוך: (שטעלט אַוועק דאָס קריגל מיט די זויערמילך): זעלדע וויל, זאָלסט איר גלייך אָפּשיקן דאָס קריגעלע.

שרה: וואָס ברענט ביי איר? כ'וועל מיטן קריגל ניט אַנטלויפֿן!

משה־ברוך: זי איז דאָך דיין שוועסטער, נישט מיינע, וואָס שרייסטו אויף מיר?

רחל: מומע זעלדע זאָגט, זי האָט דיר אָפּגעגעבן די לעצטע זויערמילך.

שרה: אַלע מאָל זאָגט זי עס: „די לעצטע"!... ווען זי גיט מיר עפּעס, די גבירטע!...

משה־ברוך: וואָרום שטעכסטו זי אַלע מאָל; נאָר דו רופֿט זי: „די גבירטע"! ס'איז נישט שיין, שרה.

שרה: טאָ פֿאַרוואָס קויפֿסטו מיר נישט קיין בהמה? וועל איך צו איר נישט גיין בעטן. געוויס איז זי אַ גבירטע. גיי אַריין צו איר אין הויז און פֿאַרגלייך, פֿאַרגלייך אונזער קאַטוך!

משה־ברוך: נאָר דו ביזט מקנא... שרה! זע, שרה, וואָס האָט זי פֿון איר רייכקייט? זי וואָלט בעסער וועלן זיין אָרעם ווי דו און האָבן אַ קינד. וואָס איז איר רייכקייט, אַז זי וויינט טאָג און נאַכט! זי וויינט זיך אויס די אויגן. אַז זי דער־זעט רחלען, קושט זי איר אויס די ביינדעלעך. זי ווייסט איר נישט וואָס צו געבן!

רחל: מומע זעלדע האָט געוואָלט מיר זאָלן דאָרטן עסן אָנבייסן, לייזערן אויך. האָב איך איר געזאָגט, דו באַקסט בלינעס פֿאַר אונדז...

שרה: טאַקע גוט, מיין טאָכטער, וואָס דו האָסט איר אַזוי געזאָגט.

לייזער: זי האָט געוואָלט געבן פּוטער דעם טאַטן, געלן פּוטער, האָט ער נישט געוואָלט.

משה־ברוך: איך וויל נישט נעמען ביי קיינעם. איך וויל נישט אומזיסט!

שרה: האָסט דאָך גענומען, די זויערמילך!

משה־ברוך: נו, נו, שרה, מיינסטו שרה, האָב איך דאָס געוואָלט? האָסט געזאָגט, רחלע האָט עס ליב, האָב איך עס גענומען.

שרה: האָסט רעכט, משה־ברוך. כ'וויל ביי איר אויך נישט נעמען, הגם ס'פֿעלט מיר פֿיל מאָל אויס.

משה־ברוך: לייזערקע, עס אָפּ און גיי אין חדר אַריין. זאָג דעם רבין, אַז איך האָב אָנגענומען אַ פּאָר לאַקירטע שטיוועלעך פֿון אברהם יצחקן דער זייגער־מאַכער, וועל איך אים סוף וואָך קענען באַצאָלן פֿאַר שכר־לימוד.

שרה: האָסטו טאַקע אָנגענומען?

משה־ברוך: יאָ, שרה. טאַקע, נאָר־וואָס, אין שול גופא, האָב איך אים גענומען די מאָס.

שרה: דאַנקען גאָט, אפשר וועלן מיר האָבן פיש אויף שבת? (צולייגט די בלינעס אויפֿן טעלער): עס, לייזערקע, און טו זיך אָן וואַרעם. ס'איז קאַלט היינט!

לייזער: מיר איז נישט קאַלט, מאַמע. כ'האָב ליב די שניי!

רחל: ער קריכט נאָר אין די טיפע שנייען, מאַמע, און דער טאַטע זאָגט אים גאַרנישט!

שרה: דיין טאַטע, דענקט ער, איז אַ קלוגער, אַ חכם; ס'פעלט נאָך ער זאָל זיך צוקילן.

רחל: ווייסט, מאַמע — — —

שרה: וואָס, מיין טאָכטער?

רחל: גאַרנישט, גאַרנישט, מאַמע.

לייזער: (טוט אָן דיין מאַנטל): כ'בין פאַרטיק, מאַמע.

שרה: נאַדיר אַ פּאָר בלינעס, נעם אין חדר, לייזער, און גיי נישט אין טיפן שניי!

לייזער: טאַטע, כ'וועל זאָגן דעם רבין. (אָפּ).

משה-ברוך: (האָט אָפּגעגעסן. ער בענטשט אָפּ און זעצט זיך צו דער אַרבעט. רחל עסט, נאָר זי פּילט נישט גוט. זי האָט אָבער ליב בלינעס, זאָגט זי נישט אויס דער מאַמען, אַז ס'טוט איר ווי אין האַלדז).

משה-ברוך: (קלאַפּט אָן אַ שוך אויפן קאָפּיל און זינגט אונטער אַ חסידיש לידעלע).

שרה: וואָס עסטו נישט די בלינעס, רחלע? האָסט דאָך ליב די בלינעס, מיין טאָכטער. כ'האָב זיי היינט געמאַכט צוליב דיר! פּאַר דיר, רחלע!

רחל: (פּילט דייער שווער אין האַלדז. זי קאָן נישט אַראָפּשלינגען. זי קוקט אויף דער מאַמען און האָט מורא אויסזאָגן אַז זי קאָן נישט שלינגען, ביז זי האָט זיך גענומען וועדגן).

שרה: וואָס איז מיין קינד? (לויפט צו צו רחלען).

רחל: (הויבט אָן ברעכן).

שרה: (טאַפּט איר קעפּל): משה-ברוך, גיכער לויף נאָכ'ן פעלדשער. דאָס קינד האָט גרויס היץ. גיכער, משה-ברוך!

משה-ברוך: (וואַרפט אַראָפּ דעם פאַרטוך, כאַפּט אַרויף דיין פּאַלטאָ, טוט אַ טאַפּ רחלעס קעפּעלע): אוי, מיין גאָט! זי ברענט דאָך! (לויפט גיך אַרויס).

שרה: (לייגט אויס אויף אַ פּאָר שטולן אַ קישן און לייגט אַוועק רחלען): וואו טוט דיר ווי, מיין קינד? האָסט זיך געמוזט צוקילן. ביזט ביי דער מומע זעלדען אַרויסגעלאָפן, אַרויס פון הויז, אַריין אין הויז?

רחל: (הייזעריק): ס'ווערגט מיך אין האַלדז, מאַמע, כ'קאָן נישט שלינגען. (סע שטיקט איר)

שרה: זאָל כאָטש דער פעלדזשער זיין אין הויז. ווי איז מיר פּאַר דיר, קינד מיינס. האָב נישט געטאָרט אייך שיקן צו מומע זעלדען, נישט געטאָרט! יאָ, מיין קינד, ביזט אַרומגעלאָפן? זאָג, מיין קינד.

רחל: (עס שטיקט איר; שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ).

שרה: ביזט אַרומגעלאָפן אין גאַס?

רחל: (שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ! זי ווערגט זיך. קאָם וואָס זי אָטעמט).

שרה: (וויינט און ברעכט מיט די הענט): וואָס טוט מען? וואָס טו איך? כ'על גיין רופן זעלדען. (כאַפּט אַ פאַטשיילע אויף זיך. אָפּ).

(עס הערט זיך רחלעס כריפּ מיט אַ כאָרכלען. זי וואַרפט זיך, ווי זי וואָלט מיט אימיצן זיך געראַנגלט).

משה-ברוך: (דערשיינט צעטומלט): שרה, שרה, דער פעלדזשער איז נישטאָ... (קוקט זיך אום): שרה, שרה! וואו ביזטו, שרה? (קוקט הינטערן פאַרהאַנג):

וואו איז זי? ווי איז מיר, קינדעלע מיינע. (גייט צו צום קינד פון וויטן, טוט אויס דיין מאַנטל): וואָס מאַכסטו, טאָכטערל?

רחל: (קוקט אויף איר אַן אַנטפּער. זי ווערגט זיך מיט אַ כריפּ) (שרה און זעלדע לויפן אַריין).

שרה: (וואַרפט אַראָפּ די פּאַרטשיילע): מיין קינד, מיין קינד! משה־ברוך, וואו איז דער פעלדשער? משה־ברוך! — — —

משה־ברוך: ער איז, ער איז אַנדערשוואו אַוועק. ס'איז אַ מגיפה, שרה, אַ מגיפה!

שרה: ווי איז מיר, וואָס טוט מען, זעלדע? העלף מיר, זעלדע!

זעלדע: (וויינט און ברעכט מיט די הענט): ווי, וואָס, וואָס קאָן איך טאָן? כ'ווייס — כ'ווייס גאָרנישט — גאָרנישט, גאָרנישט, שרה!

משה־ברוך: (נעמט דעם תהלים, צעוויינט זיך אויפן קול): מזמור לדוד. (בויגט צו די קאָפּ צום וואַרשטאַט־טישל. עס טרייסלט זיך זיין גאַנצער קערפּער פון געוויין).

רחל: (ווערגט זיך און דרייט זיך אויפן געלעגערל. זי וויל עפּעס זאָגן און בלייבט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם).

שרה: (מיט אַ געוואַלט): מיין קינד שטאַרבט! רחלע! מיין קינד! רחלע, עפן די אויגעלעך — — — רחלע!

משה־ברוך: (שפּרינגט אויף. לויפט צו צום קינד): גאָט, העלף אונז! (הויבט אויף די הענט): גאָט, העלף מיין קינד! נעם נישט צו אונזער טייערע טאָכטערל. מיר בעטן ביי דיר גאָרנישט. מיר ווילן פון דיר גאָרנישט; ברויט מיט וואַסער; נאָר נעם נישט צו אונזער קינד!

זעלדע: (דרייט זיך אַרום, מאַכט מיט די הענט, וויינט).

שרה: פאַרוואָס קומט עס אונז? גאָט, העלף אונז! (גייט צו צו רחלען. (שאָקלט זיך פון פאַרצווייפלונג): וואָס זאָל איך טאָן? משה־ברוך, לויף, רוף דעם רופא. גיכער, גיכער, משה־ברוך! טאָמער וועט ער מיט עפּעס העלפן? קיין געלט איז סיידוי נישטאָ!

זעלדע: נאָדיר געלט, שרה! טו עפּעס, רוף! רוף דעם דייטשישן רופא! לויף דו נאָכן דאָקטאָר, שרה! נאָדיר דאָס בייטעלע מיט געלט. נעם וויפיל דו באַדאַרפסט! נעם וויפיל דו ווילסט, אַבי ראַטעווע דאָס קינד!

משה־ברוך: כ'בין שוין אויפן וועג געווען ביים פּוילישן רופא. ער איז אויך נישטאָ. — ס'איז אַ מגפה, שרה! רחמנה לצלן!

זעלדע: גיי שרה, צום דייטש! גיי, שרה, צום דייטש!

רחל: (הויבט זיך אָן ווערגן און ברעכט אויס מיט אַ רויטלעכן שליים און אָטעמט אָפּ).

שרה: גוואַלד, זעלדע, מיט בלוט ברעכט זיך איר.

זעלדע: דאַנק דיר גאָט! דאַנק דיר גאָט!

שרה: ביזט משוגע געוואָרן, זעלדע? וואָס דאַנקסטו גאָט? דאָס קינד ברעכט מיט בלוט און זי דאַנקט גאָט!

פעלדשער: (דערשיינט): נו אַן אומגליק, פלוצים, פלוצים די גאַנצע שטאָט, דערוואַקסענע און קינדער...

שרה: הער פעלדשער, ראַטעוועט דאָס קינד. זי ברעכט מיט בלוט!

פעלדשער: (טוט זיך אויס): זי מייקעט מיט בלוט, וואו איז דאָס? אַנו, ווייזט מיר.

שרה: אַט, אַט, הער פעלדשער — — העלפט!

פעלדשער: (טוט אַ טאַפּ דאָס קינדס קעפּעלע): פּריידט זיך, פּריידט זיך, וואָס זי האָט אויסגעבראָכן. דאָס האָט איר געראַטעוועט! דאָס האָט איר געראַטעוועט!

שרה: דאָס האָט איר געראַטעוועט? דאָס וועט איר העלפן? (קוקט אויף רחלען): דאָקטאר: די אויגעלעך עפּנט זי!

משה-ברוך: (אין פּאַטאָס צעזינגט זיך מיט ווײנענדיקן טאָן, אָבער מיט אַ גליקלעכן קלאַנג): מזמור לדוד. (פאַלט צו צום שוסטער־טישל, דאַן שטעלט זיך זיך אויף): כ׳דאַנק דיר גאָט! — אל רחום וחנון!

שרה: פון וואַנען האָסטו דאָס געוואוסט?!

זעלדע: (אין טרערן): דאָס האָט איר דורכגעבראָכן די דיפטעריע, שרה. אַניט וואָלט זי דערשטיקט געוואָרן!

שרה: פאַרגיב מיר, זעלדע, זיי מיר מוחל...

פעלדשער: זעט ס׳זאָל זיין וואַרעם אין שטוב און לאָזט קינדער צו איר ניט צו. זעט אַלץ זאָל ריין זיין. ווישט אַרום מיט אַ פייכטע טיכל די שטויב. גיט ניט קיין קאַלטע געטראַנקען איר צו טרינקען. דאָ שרייב איך אייך צו אַ רעצעפּט און אַ מאַשינקע צו געבן איר פּאַרע אין מויל אַריין. איר דאַרפט דאַנקען גאָט וואָס זי האָט אויסגעמייקעט. דאָס האָט איר געראַטעוועט, פּשוט געראַטעוועט!...

זעלדע: הער פעלדשער, איך וואָלט אייך בעטן קומען אין אָוונט נאָך אַמאָל, בכלל, הער פעלדשער, ביז זי וועט פאַלקאָם געזונט ווערן, קומט אַלע טאָג, אַלע טאָג. אפילו ווען מ׳וועט אייך ניט רופן! איר וועט קריגן באַצאָלט, איר הערט, פאַר יעדן באַזוך!

פעלדשער: דאָס איז זייער פיין פון אייך. אויב איך וועל צייט האָבן, וועל איך הייַנט קומען אין אָוונט. גיט אַלע צוויי שעה פון דער רפואה, אָט־די, וואָס איך שרייב אייך צו, און גיט איר פּאַרע אויך אָפט.

(עס הערט זיך פון דרויסן אַ געטומל און ס׳עפנט זיך די טיר. דער רבי טראָגט אַריין לייזערן אויף די הענט מאַכטלאָז!)

שרה: גוואַלד! ער אויך? מיין ייִנגעלע, גיכער, פעלדשער!

רבי: ער איז פּלוצים איינגעפאַלן מיט אַ ווערגעניש, מיט אַזאַ כריפּ! כ׳האָב זיך דערשראָקן פאַר די אַנדערע קינדער און אים געכאַפּט אויף מיינע פּלייצעס און אים אַ היים גענומען, אָט ווי איר זעט. נאָר איך בעט גאָט, אַז די אַנדערע קינדער זאָלן ניט קראַנק ווערן; די קינדער וואָס האָבן זיך מיט אים געשפּילט!

פעלדשער: כ׳האָב מורא, רבי, אַז די קינדער האָבן זיך יאָ פון אים אָנגענומען. רבי, לויפט אַהיים און הייסט די קינדער גיין אַהיים, וועט איר זיי דערנאָך נישט דאַרפן שלעפן! דריי טעג זאָלן זיי פאַרבלייבן אין דער היים. אויב זיי וועלן נישט קראַנק ווערן, מעגן זיי קומען אין חדר לערנען... טוט עס גלייך, רבי!

רבי: יאָ, יאָ, דאָקטאר, איך לויף! אַ גוטן טאָג אייך אַלעמען און לייזערל זאָל אַרויס פון סכנה. גאָט זאָל אייך בענטשן און געבן געזונט צו היילן די קראַנקע. (גייט גיך אַרויס. אָפּ).

שרה: הער פעלדשער, ווי, ווי איז מיטן ייִנגל? וואָס, וואָס — — —

פעלדשער: (קוקט אים אין מויל): הלוואי וואָלט ער אויסגעבראָכן, וואָלט ער אויך זיכער אַרויס פון געפאַר. יאָ, גיט אים דיזעלבע רפואה, וואָס איך האָב געגעבן פאַר דער מיידל. זעט ס׳זאָל זיין וואַרעם. כ׳וועל — — —

שרה: (בעט אויס דאָס קינד אויף אויף שטולן אָנגעלייגט מיט קישנס):
איר וועט צוקומען שפּעטער? יאָ, הער פעלדשער?!

פעלדשער: געוויס; כ'וועל מוזן, דערהויפּט צוליבן יינגל!

זעלדע: הער פעלדשער (שטיל צו אים): ס'איז נישטאָ קיין געפאַר, האָ?

פעלדשער: ביים אָוונט וועל איך מער קענען וויסן—כ'האָף!...

שרה: וואָס זאָל איך זיי געבן עסן, הער פעלדשער?

פעלדשער: קיין זאַך נישט! אפשר שפּעטער, אַביסל וואַרימע מילך. ביי־נאַכט וועל איך אייך מער קענען זאָגן, וואָס ווען... כ'האָף!... נו, איך מוז גיין. כ'האָב נאָך אין פילע פּלעצער צו גיין! (טוט אָן זיין מאַנטל, קלייבט אויף די מעדי־ציניש געצייג, דעם טערמאָמעטער, לייגט אַריין אין אַזאַ טרייבעלע און לייגט עס אַריין אין זיין סורטוקס אויבערשטע קעשענע).

זעלדע: דאָ האָט איר, הער פעלדשער אייער געצאָלט, אייען לויז, און פאַרגעסט ניט קומען שפּעטער, יאָ?—

פעלדשער: (נעמט דאָס געלט): זייט זיכער, האַלט ס'הויז נאָר וואַרעם. אַ גוטן טאָג. (גייט אַרויס. אָפּ).

משה־ברוך: ס'גייט נישט אין קאָפּ די אַרבעט, און איך מוז מאַכן די שטי־וועלעך. ס'איז פּשוט קיין גראָשן ניט איבערגעבליבן!

זעלדע: דאגהט זיך נישט, משה־ברוך. זאָלן נאָר די קינדער אַרויס פון סכנה.

משה־ברוך: (קוקט אויף די קינדערלעך): רחלע שוויצט! קינדעלע מיינע.

זעלדע: שרה, זאָל משה־ברוך גיין באַשטעלן די רפואות!

שרה: (צעטומלט): גאָר פאַרגעסן! גיי גיכער, משה־ברוך, אין אפּטייק און זאָג אים ער זאָל וואָס גיכער מאַכן די רעצעפּטן.

זעלדע: נאָט אייך געלט, משה־ברוך. וואַרט דאָרטן פאַר די רפואות...

משה־ברוך: טאַקע גערעכט, כ'וועל דאָרטן וואַרטן. וואָרום גיין הין און צוריק? ווילסט עפּעס נאָך וואָס, שרהקע?

שרה: ניין, משה־ברוך. זאָם זיך נישט!

משה־ברוך: איך גיי. גאָט, היט מיינע קינדערלעך. (אָפּ).

לייזער: (ווערגט זיך, מיט אַ כריפּ).

שרה: (לויפט צו אים צו): קינד מיינס!

זעלדע: ער האָט היץ און שוויצט נישט! ער ברענט און שוויצט נישט!

שרה: ווי איז מיר, מיין זונעלע: (שרייט אויס): זעלדע, זע ווי ער ווערגט זיך! ער קאָן נישט אָטעמען. זעלדע, זעלדע! ער ווערט דערוואָרגן...

זעלדע: אַ לעפעלע, שרה, גיך אַ לעפעלע!

שרה: נאַ, זעלדע, אַ לעפעלע—דו ווייסט אַלץ — —

זעלדע: (רייסט מיט גוואַלד דאָס לעפעלע אין זיין מויל).

לייזער: (הויבט אָן ברעכן מיט אַ כריפּ).

זעלדע: דאַנקען גאָט! זע נאָר אַ שטיק שליים, שרה? קוק, דאָס וועט אים גרינגער מאַכן זיין אָטעמען.

שרה: זע, זעלדע, ער שוויצט; ער'ט אָנגעפאַנגען שוויצן!...

זעלדע: גאָט זאָל אויף זיי רחמנות האָבן. אומשולדיקע נפשותלעך... איינ־דערפּרי זיך גאָר אַזוי שיין געשפּילט... האָב איך זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן נישט גיין אין דרויסן, אָן די מאַנטעלעך. נו, זאָג זיי, קינדער!

שרה: ווי איז מיר! (פאַלט אַריין אין שטול און צעכליפּעט זיך).

(פאַרהאַנג)

צווייטע סצענע

זעקס שעה שפּעטער

שרה: (שטייט לעבן לייזערן. לייזער האָט גרויסע היץ. ער אָטעמט מיט אַ כאָרכל).

משה-ברוך: (זיצט לעבן דיין אַרבעטס טישל און זאָגט תהילים אויפן קול).

זעלדע: ווען וועט שוין דער פעלדשער קומען? ער האָט דאָך צוגעזאָגט קומען. משה־ברוך, אפשר וואָלט איר אַוועקגעלייגט דעם תהלים און גיין רופן דעם פעלדשער? ווי איז מיר! טוט עפּעס, וואָס זאָל העלפן! דעם תהלים וועט איר נישט פאַרשפּעטיקן. זוכט, געפינט אַ דאָקטאָר! וואָס זיצט איר און קוועטשט די באַנק? דאָס קינד גייט אויס!

משה-ברוך: (שטעלט זיך אויף. מאַכט מיט די הענט. קוועטשט מיט די פּלייצעס): כ׳ווייס נישט וואָס צו טאָן, זעלדע. איך ווייס נישט; גאָט איז מיין עדות, זעלדע!

זעלדע: אָבער זיצן אַ גאַנצן טאָג און זאָגן תהלים?

משה-ברוך: תהלים תציל ממות!

זעלדע: אָך לאָזט צורו!... גייט זוכט אַ דאָקטאָר. דאָס קינד ווערט דערשטיקט! שרה, הייס אים גיין! וואָס שווייגסטו, שרה?

שרה: (וויינט זיך פאַנאַנדער): דו האָסט דאָך אים געזאָגט.—גיי משה־ברוך. גיי, משה־ברוך. ראַטעווע אונזער קינד! ער ברענט אַן אַביסל שוויץ. גיי, משה־ברוך. האָב רחמנות. לייג אַוועק דעם תהלים!

זעלדע: לעבט מיט ניסים. תהלים וועט אים העלפן!

רחלע: מאַמע, אַ טרונק!

שרה: טיי אַביסעלע, טאַכטערל. טאָרסט קיין קאַלטעס נישט טרינקען. (נעמט אַרויס אַ טשייניק פון אויוון, גיסט אַן אַביסל טיי, גיט איר צו טרינקען). דאַנק גאָט פאַר דיר, מיין טאָכטערל. (טאַפּט איר די קאָפּ). ביי איר פאַלט די היץ. דאַנק דיר גאָט! (צו משה־ברוכן): וואָס שטייסטו, משה־ברוך? האָסט גאָר קיין האַרץ נישט? גיי זוך אַ דאָקטאָר. ראַטעווע דאָס קינד!

זעלדע: שוין צייט אָנצינדן דעם לאָמפּ. צינדט אָן דעם לאָמפּ, משה־ברוך.

משה-ברוך: (צינדט אָן אַ לעמפּל. ס׳פאַלט אַ שוואַכער שיין אויף לייזערן. זיין פּנים איז רויט פון היץ). אפשר איז דאָס ליכט נישט גוט פאַר די קינדער?

זעלדע: טאָ שטעלט שוין אויף אייער אַרבעטס־טישל.

שרה: כ׳וועל משוגע ווערן. מיין מוח איז מיר צעטומלט. ס׳איז מיר פינסטער פאַר די אויגן. זעלדע, אפשר וואָלסטו געגאַנגען צום דאָקטאָר?

זעלדע: איך פיל אַליין ניט אַמבעסטן, שרה׳קע. מיר ברעכן די ביינער. אַברהם דאַרף באַלד קומען פון קראָם און האָב היינט קיין וועטשערע נישט געקאָכט; נאָר דאָס מאַכט נישט! ס׳פעלט נישט אין הויז וואָס צו עסן! אָ, יע, שרהקע, דו האָסט דאָך אַליין אויך גאָרנישט געקאָכט!

שרה: ווער וויל עסן? וועמען ליגט דאָס אין זינען, זעלדע?

זעלדע: איר האָט ביידע גאָרנישט געגעסן; משה־ברוך אויך נישט! איך גיי אַריינברענגען וואָס צו עסן; איר וועט דאָך קראַנק ווערן! נישט עסן און אויפעסן זיך דאָס האַרץ. (גייט אַרויס. אָפּ).

שרה: (ברעכט די הענט): מיין קינד, מיין קינד! גאָט שטראָף מיך פאַר אים, מיין טייער זונדעלע.

משה-ברוך: אַז ער פּלעגט שטיפן, פלעגסטו אים שילטן און שלאָגן.

שרה: דו לאַ־יצלח, דו! אַ מאַמע שילט און האָפט ס׳זאָל נישט אָנקומען... פאַרוואָס גייסטו נישט נאָכן פעלדשער? אָדער ברענג אַ דאָקטאר!

משה-ברוך: נו, גוט! כ׳וועל גיין צום פעלדשער.

שרה: אויב דער פעלדשער איז נישטאָ, גיי צום פּוילישן דאָקטאר! זעלדע וועט אונז לייען געלט! גיי שוין, לאַ־יצלח!

משה-ברוך: כ׳וואָלט אין דר׳ערד בעסער געגאַנגען. גייט אַרויס. אָפּ).

לייזער: (צעוועגט זיך מיט אַ כריפּ־הוסט).

שרה: גוואַלד, מיין קינד גייט אויס! זעלדע, זעלדע, וואו בינסטו? (דעקט איין דאָס קינד).

זעלדע: (דערשיינט מיט עסנוואַרג: הערינג, פּוטער, אייער, קעז, ברויט און מילך): וואָס איז, שרהקע? וואָס האָסטו געשריען?

שרה: וואָס טו איך? מיך שרעקט פאַרן קינד. זע ווי ער ווערט פאַרברענט און שוויצט נישט!

זעלדע: משה־ברוך איז געגאַנגען נאָכן דאָקטאר?

שרה: קאָם זיך איינגעבעטן:—„דער תהלים וועט העלפן"—דער שוטה, דער נאַר!

רבי: (דערשיינט): גוטן אָוונט אייך. וואָס מאַכט דער יינגל?

שרה: (פּלאַצט אויס אין אַ געוויין).

רבי: גאָט וועט העלפן, ער וועט געזונט ווערן. גאָט איז אונזער פאָטער! ס׳איז אַ שרעקלעכע מגיפה! כ׳האָב אַלע קינדער אַ היים געשיקט, ווי דער דאָקטאר האָט געהייסן. די קינדערלעך זיינען אַזוי צעשראָקן. איצט דאַרף מען זיי אָנפאַנגען באַזוכן ווי זיי פילן זיך. נאָר דעם ערשטן בין איך געקומען זען לייזערקען. ער האָט דאָך אַ גאָלדן קעפּעלע... ער פאַרנעמט דאָך אַלעס.

זעלדע: כ׳וואָלט אייך ניט געראָטן היינט גיין צו באַזוכן די אַנדערע קינדער, אַז איר זייט דאָ! בעסער וואָלט געווען, ווען איר וועט אַוועק פון דאַנען אויסלופטערן אייערע זאַכן און ערשט מאָרגן גיין זיי באַזוכן... איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?!

רבי: אַ יע, איר האָט אַ דאָקטאַרשן קאָפּ. זייער קלוג! נו, ווי־זשע איז ער דאָך? (גייט צו לעבן לייזערן): פוי! ער ברענט; ווי רויט ער איז!

שרה: וויי איז מיין לעבן! ער שוויצט נישט! ער ווערט פאַרברענט! (שאָקלט מיטן קאָפּ): וויי איז דער מאַמען!

רבי: וואָס זאָגט דער דאָקטאר? ער האָט דאָך געגעבן מסתמא רפואות?

שרה: נו, זעט איר, דער מיידל האָט עס געהאָלפן, אָבער נישט אים. זעט ווי ער קרעכצט, ווי אים ווערגט!

רבי: וואו איז משה־ברוך? אין שול געגאַנגען?

שרה: ווער מען ליגט די שול איצט אין זינען? ער איז נאָך אַ דאָקטאר געגאַנגען. דער פעלדשער האָט געזאָלט קומען, און להכעיס איז ער נאָך נישט געקומען; נישטאָ!

רבי: אַ האַלבע שטאָט איז קראַנק. אפילו דערוואַקסענע אויך! נו, וועל איך אַריינגיין מנחה־מעריב דאַווענען און בעטן גאָט פאַר מיינע יינגלעך. אַ גוטע נאַכט אייך און לייזערקע זאָל געזונט ווערן.

שרה: הלוואי, הלוואי, רבי. פון אייער מויל אין גאָטס אויערן.

רבי: גאָט וועט רחמנות האָבן! אַ גוטע נאַכט. (גייט אַרויס).

פעלדשער: (דערשיינט).

שרה: (צעוויינט זיך): דאַנקען גאָט פאַר אייך, הער פעלדשער; העלפט! דאָס קינד ווערט פאַרברענט.

פעלדשער: האָט איר אים געגעבן די רפואות?

שרה: יאָ, הער פעלדשער, געגעבן. ס'איז פונקט איצט צייט צו געבן אים די רפואה.

פעלדשער: גוט, וועל איך אים געבן. (ער גיט אים די רפואה).

לייזער: (הויבט אָן ברעכן נאָכן נעמען די רפואה).

שרה: ער ברעכט, הער פעלדשער!

פעלדשער: דאָס איז גוט. דאָס איז די בעסטע רפואה פאַר אים!

זעלדע: דאַנק דיר גאָט! (פאַלט אַריין אין אַ שטול און צעכליפעט זיך).

שרה: (צעוויינט זיך אויך): דאַנק דיר גאָט!

פעלדשער: גיט מיר נאָך אַ פּראַשעק. ער האָט יענעם אויסגעבראָכן.

שרה: (גיט אים נאָך אַ פּראַשעק און מען גיט עס איין דאָס קינד).

פעלדשער: אַ טאָג אַז איך לויף אַרום; זיך נאָך נישט צוגעזעצט הייַנט.

זעלדע: (שטעלט זיך אויף): זעצט זיך, הער פעלדשער. רוט זיך אָפּ אַ ווייַלינקע. אפשר דאַרף מען, זאָגט, אַנאַנדער רפואה, האַ, הער פעלדשער?

פעלדשער: און וואָס מאַכט דאָס מיידעלע? (טוט אַ טאַפּ איר קעפּל): אַ, זי איז אַ מענטש! אַ טייער מיידעלע!

רחלע: (שמייכלט).

שרה: אַ לעבן אויף מיין מיידעלע,—שמייכל, שמייכל, רחלע; אַ געזונט אין דיינע ביינדעלעך; מיר פאַר דיינע ביינדעלעך.

זעלדע: שרהקע, שרהקע, לייזערל שוויצט, לייזערל שוויצט!

שרה: (כליפּעט אין זיך פון פרייד, אָן אַ וואָרט).

פעלדשער: קיינע נייע רפואות וועל איך אייך מער נישט געבן. (גייט צו צו רחלען): עפן דיין מיילעכל, מיידעלע. לאָמיר דיר אַרייַנקוקן. זייט אַזוי גוט און לייכט מיר צו מיטן לעמפּל.

שרה: (האַלט דאָס לעמפּל קעגן רחלעס מיילעכל): יאָ, בעסער, הער פעלדשער?

פעלדשער: טוט דיר וויי, מיידעלע, אין העלדזעלע?

רחלע: ס'קיצלט אַביסעלע, ס'בייסט זיך! כ'וויל אַ טרונק!

פעלדשער: גיט איר האַלב מילך און האַלב וואַסער, ניט גאָר צו הייס: וואַרעם.

משה-ברוך: (שלעפּט זיך אַריין מיד, קאָם וואָס ער שלעפּט די פיס. אים טרייסלט): נישטאָ דער פעלדשער, ניטאָ קיין דאָקטאָר אויך — — (עס שווינדלט אים אין קאָפּ. ער טוט אַ כריפּע, הוסט און פאַלט צום פאָדלאָגע).

שרה: הער פעלדשער, מיין מאַן איז אויך קראַנק! גאָט ווייסט, הער פעלדשער — — —

פעלדשער: (טוט אַ טאַפּ זיין קאָפּ): ער האָט היץ; גרויסע היץ!

משה-ברוך: (הוסט מיט אַ כריפּ. כאָרכלט אונטער).

פעלדשער: כ'האָב מורא, ער האָט וואָס די קינדער האָבן!

שרה: אוי ווי איז מיר! (פאַלט אין חלשות).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דערוואַקסונג



ב. דיימאַנדשטיין: די פידל־שפּילערין

דערוואַכונג

אַן איין-אַקטער

(גענומען פון גרינדלעכע פאַקטן)

פערזאָנען - באַטייליקער:

שפרה, לאה, בעני, זרח, דבורה, לייבעל, אַברהם, שאַרקע, טאַניאַ, לייזערקע, ליובאַ.

אַ גאָרטן, אונטער אַ ציטרין־בוים. אַ קיילעכדיקער טיש און שטולן פון געפלאָכטענע ריטער־שטעקלעך. ס'זיצן אַרום: בעני, זרח, שפרה, דבורה, לאה. ס'איז אין מיטן יולי, אין אַ הייסן טאָג.

שפרה: (ברענגט צו לעמאָנאַדע אויף אַ טעצל. צעשטעלט די גלעזער אַרום יעדן): נו, קילט זיך אָפּ, ס'איז טאַקע הייס היינט, אפילו אין גאָרטן.

לאה: נאָך הייסער וועט זיין זייערע דעבאַטן. איך ווייס אַז בעני שפּאַרט זיך איין וועט גאַרניט העלפן. אַזוי איז ער. פון קינדוויַיז אָן איז ער אַזוי. יאָ, אַזוי איז מיין ברודער.

בעני: וואָס האָסטו זיך צעבאַלבעט! וואָס ווייסטו וועגן פּאָליטיק!?

לאה: כ'גלויב איך ווייס וויפיל דו, מיין ברודער, אפשר נאָך מער!

בעני: טו מיר אַ טובה און דריי ניט קיין ספּאָדיק.

לאה: לאָמיר דיר זאָגן, דו ביזט ניט מער ווי אַ גראַמאַפאָן: וואָס מ'זאָגט דיר זאָגסטו נאָך. ניט דו לייענסט, נישט דו אַנאַליזירסט וואָס דו טוסט; מ'הייסט דיר טאָן, טוסטו; מ'הייסט דיר גיין, גייסטו. דו ביזט ווי אַ קליין יינגל, וואָס די מוטער זאָגט אים טוט ער. דו ביזט אַ יינגל, דאָס וואָס דו ביזט!...

בעני: גיי צום טייוול, אויב דו ווילסט הערן?!

זרח: אָט וועט זיך דער ברודער צושלאָגן מיט זיין איינציקער שוועסטער.

לאה: אַזוי איז ער שטענדיק. ער איז דער ווייסער, ער איז דער קענער. און פון וואַנען זאָל ער נעמען זיין וויסנשאַפט, אַז ער לייענט נאָר איין צייטונג, די „פרייהייט", און ער וויל אַלעמען איבערשפּאַרן, אַז נאָר ער איז גערעכט. וואָלט ער כאָטש געלייענט אַנדערע צייטונגען, נו, האָט ער זיך איינגעגלויבט אַז אַלע צייטונגען זאָגן ליגן—קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זיינען אַלע ליגנערס, נאָר די „פרייהייט" זאָגט אמת; שפּיי אים אין פּנים וועט ער זאָגן אַז אַ רעגן גיסט. אָט איז זרח, אויך אַ לינקער, נו, שפּאַרט ער זיך און וויל נאָר אויספירן וואָס ער וויל.

בעני: וואָס פאַרגלייכסטו מיך מיט זרחן? וואָס מייסנטו — —

לאה: זרח האָט מער אין פּיאַטע ווי דו אין קאָפּ!

דבורה: לאה, אויב דו ווילסט זיך קריגן, גייען מיר אַהיים; מיר זיינען געקומען צוגאַסט צו דיר.

לאה: ווער טשעפּעט אים? ער האָט אָנגעפאַנגען! ווי ער איז געקומען האָט ער מיך באַגריסט: „האַו־דו־יו־דו, קאַסמאָפּאָליטקע!" וואָס ווילסטו, איך זאָל אים שוויַיגן? און אימער נאָך האַלט ער זיך העכער פון זרחן.

זרח: וואָס האַרט דיך, לאה, אַז מיך אַרט דאָס אַ האָר נישט! זאָל ער ריידן. אַסור אויב ס'וועט זיך צו מיר צוקלעפּן—ווי אָן אַרבעס צום וואַנט!

לאה: ווייל דו שוויַיגסט אים, בייגסט איין דעם קאָפּ, קריכט ער אויף דיר.

בעני: כ'קריך אויף קיינעם ניט! איך זאָג נאָר, אַז אַלע יידישע צייטונגען, אַ חוץ די „פרייהייט", זאָגן ליגן!

לאה: (טוט אַ קלאַפּ אין טישל אַזש די גלעזער טאַנצן): און איך זאָג, אַז די „פרייהייט״ פאַרפירט אונז—יידן. זי זי לאַיגט און זאָגט קיין ברעקל אמתדיקייט ניט! זאָג מיר נאָר, קלוגער ברודער מיינער, דו פלעגסט דאָך אַריינקריגן און מיר ווייזן די דערגרייכונגען פון „בירא־בידזשאַן״—שוין באַלד אַ יאָר אַז דו האָסט קיין יידיש וואָרט ניט פון די סאָוועטן. האָסטו געהערט פון פעפערן? האָסטו געהערט פון די אַנדערע יידישע שרייבער? זיי פלעגן דאָך אַמאָל שרייבן אין „פרייהייט״, זיי פלעגן דאָך אַמאָל שרייבן אין, אין „יידישע קולטור״, וואָרום הערט מען קיין וואָרט ניט מער פון זיי?

בעני: אָ, דריי נישט קיין קאָפּ. (הויבט זיך אויף): לאָמיר זיך אַדורכגיין אַביסל. (אָפּ).

דבורה: ביסטו אַ נעגע, לאה. וואָרום קריגסטו זיך תמיד מיט אים? דו מאַכסט אים נערוועז.

לאה: וואָרום באַליידיקט ער אימער זרחן? (צו זרחן): וואָרום לאָזטו זיך פון אים אימער באַליידיקן? האָסטו גאָר קיין בושה ניט? פאַר אַ גאַנצן עולם באַליידיקט ער אים! וואָס דענקט ער איז ער? אַ קאָמוניסט.! טפו אויף אים! מיט אַלע יידישע קאָמוניסטן. נו, מילא, אַמאָל האָבן מיר געהאָפט, אַז ס׳וועט זיין גוט די יידן דאָרטן. „רבי ביק״ האָט געזאָגט אַמאָל, אַז די סאָוועטן האָבן אַרויסגעבראַכט יונגע יידישע שרייבער; נו, וואָס וועט ער איצט זאָגן?!

דבורה: זעסטו, ער איז נאָך אַלץ אין דער „פרייהייט״!

לאה: וואָס פאַר אַ ביישפּיל? וואָרום איז נאָך משה כץ אין דער „פרייהייט״?

שפרה: כ״פאַרשטיי אויך ניט, צו וואָס דאַרף מען די „פרייהייט״, וויבאַלד אַז יידיש, און אפשר יידן בכלל, איז טרייף אין די סאָוועטן!

לאה: זיי דאַרפן „דזשאַבס״! מעלקט מען דעם עולם און מען קריגט ווידזשעס.

זרח: וואָס וועלן זיי אַנדערש טאָן? וואו וועלן זיי זיך דרוקן—אָן געלט אפילו? ס׳האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אָלגין, זאָל ער דאָרט ליגן אין רו: אין דעם גאַנצן סטעף פון די שרייבער־שמירערס זיינען דאָ נאָר צוויי שרייבער...

שפרה: איך וועט, אַז איך ווייס: משה כץ — —

זרח: אויך בוכוואַלד. די אַנדערע זיינען קלעצער, וואָס זיינען גאָרניט ווערט דעם נאָמען שרייבער! אַ „באָנטש״ אָפּאָרטוניסטן! פאַר אַביסעלע כבוד וועט מען דאָס לעבן איינשטעלן, יאָ! מ׳זאָל זאָגן, אַז זיי זיינען העלדן! קעמפער פאַר דער אַרבעטער זאַך!... איינער דעם צווייטן פאַרגינט ניט דאָס לעבן. מען פאָלגט נאָר פאַר דער דיסציפּלין. ווייסט איר וואָס נאָך? אָלגין האָט מיר האַלב געגעבן אָנצוהערן, אַז נאָוויק גראָבט אים אונטער. ער וואָלט וועלן פאַרנעמען זיין רעדאַקטאָרשטול. נאָוויק און אַלמאַזאָוו קוקן אים אין מויל און אין די הענט. (עס ווייזן זיך פונוויטן אָנקומען: אַברהם, לייבעלע, שאָרקע): גוט, חברה, וואָס איר זייט דאָ.

לייבעלע: לאָז אים צורו. ער האָט זיך היינט געקריגט מיט דער גאַנצער וועלט.

אברהם: (שפּאַנט הין און צוריק): ווי האָט דאָס געקאָנט טרעפן? וואו איז אונזער האָפנונג, וואו איז דער סאָציאַליסטישער ענדציל? וואָרום גראָדע אונז, יידן?! מיר האָבן אָפּגעגעבן מיליאָנען קרבנות! אונזער האָפנונג איז געבליבן—די סאָוועטן! סאָוועטן! דער ענדציל פאַר אַ גלייכער וועלט. כ׳האָב דאָס לעצטע אָפּגעגעבן, פאַר „בירא־בידזשאַן״, טויזנטער שווער־פאַרהאָרעוועטע דאָלאַרן. געשפּאָרט פון מיין ווייב, פון מיינע קינדער, אַבי ס׳זאָל זיין אַן אייגענער אויטאָנאָ־

מישער ווינקל פאַר מיין פאַרפאַלגטן פאָלק; אַן אייגענע שפּראַך, אַן אייגענע רעגי־רונג, אין יידיש געשריבן די גאַסן, אין יידיש געפירט דאָס געריכט. גאָט, וואָס פון מיין גליק איז געוואָרן? צערונען ווי אייז אונטער אַ ברענענדער זון. תמיד איז פאַר מיר געשטאַנען סטאַלין, ווי אַ לייכטענדער שטערן פאַר מיין פאָלק; אַ פאַקל אין דער פינסטערער וועלט פון האַס קעגן יידישן פאָלק.

לייבעלע: יאָ, חלומות צערונענע... געדענקסטו? איצט געדענקסטו, וואָס איך האָב דיר געזאָגט? געדענקסטו ווען סטאַלין האָט געשלאָסן דעם „פּאַקט" מיט היטלערן, אַז סטאַלין וועט פון זיין חבר פיל אָפּלערנען קעגן אונז יידן! געדענקסטו וואָס איך האָב דיר געזאָגט?! האָסט מיר גערופן: טראָצקיסט!

אַברהם: כ'בין צעטומלט. כ'ווייס ניט אויף וואָסער וועלט איך בין. כ'קאָן ניט דענקען. כ'פאַרליר מיין מח, מיין דמיון פאַרליר איך. ווי האָט דאָס געקענט טרעפן?

שאָרקע: קאָך זיך ניט! מיינסט אַז דו ביזט אַליין געטראָפן? מיינסט אַז דו אַליין האָסט אַ יידיש האַרץ?!

אַברהם: ניין, ניט דאָס, שאָרקע. כ'האָב מיין גאַנצן לעבן אָפּגעגעבן פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק; פאַר אַ גלייכער, גערעכטער וועלט. וואָס איז—וואו איז די גערעכטיקייט? וואו איז די מענטשלעכקייט—און די חברים? די שרייבער פון „פרייהייט"—ווארום האָבן זיי איינגענומען אַ שטומעניש? וואָס גייען זיי נאָך אַגיטירן ווייטער, און צאַפּן פון דער אָרימער מאַסע זייערע סענטן?! הונדערטער טויזנטער... ווארום גייען זיי אַן מיט דעם יידישן וואָרט, וואָס וועט סיווי פאַרבאָטן ווערן!?...

לייבעלע: ס'טוט מיר ווי טיף אין האַרצן. יאָ, איך וויל אפילו ניט זען די נקמה אין דיר. זע וואָס איז געוואָרן פון אונזערע יידישע שרייבער דאָרטן? ווי אין וואָסער אָרייך. אַזאַ חוצפה—ניט קיין וואָרט, ניט אָפּלייקענען און דאָ, די שרייבערלעך, די „דזשאָב־האָלדערס" מאַכן זיך ווי ניט אונז מיינט מען! מען גייט נאָך אָן... כלא־ידע!...

אברהם: פון מיר וועלן זיי שוין קיין סענט מער ניט קריגן! ניט אַ פּעני... און וואו איך וועל קומען אין קאָנטאַקט מיט חברים, וועט שוין זיין מיין הייליקע פליכט זיי אויפצוקלערן! זיי אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין! זיי גייען ווי בלינדע, ווי היפּ־נאָזירטע; זיי גייען אין פייער, אין וואָסער...

שאָרקע: ביזטו דען אַליין אַזוי נישט געווען? איך האָב דיר דאָך געזאָגט: אברהם, דו עסט ניט, דו שפּאָרסט פון דיין מאָגן, דו פאַרריכסט זיך ניט די ציין, דו גייסט ניט אַריין צו קיין דאָקטאר מיט דיינע אויגן. דו ביזט שוין האַלב בלינד און דו גיסט פאַר דער „פרייהייט" יעדן סענט, וואָס דו קענסט אָפּשפּאָרן...

אברהם: יאָ, יאָ, האָסט רעכט, שאָרקע, כ'האָב פון דיר אויך געשפּאָרט און פון די קינדער, יאָ, שאָרקע, בלינד און טויב צו דער וועלט מאַכן זיי אונז. אָבער פריער, פריער איז געווען אַ חלום, אַ טרוים פון אַ שיינער וועלט, פון אַן ענדציל. ס'איז ווערט געווען צו האָפן... וואָס האָט מען ניט געטאָן מיט אונדז? פאַר שפּיאָנען האָט מען אונז געמאַכט; קינדער קעגן עלטערן, עלטערן האָבן פאַרהונגערט קינדער, פאַרנאַכלעסיקט די היים, פריינט, אייגענע. וואָס האָט מען געמאַכט פון אונז?... און איצט — —

שאָרקע: צעבראָכן פאַמיליע־לעבנס. (שטיל): און פילע פרויען... האָט מען איינגערעדט זיך איבערצוגעבן צו שוואַרצע, אפילו!...

אברהם: פון וואַנען ווייסטו דאָס שאָרקע? ס'איז שקר, שאָרקע!

שאַרקע: ס'איז ניט שקר, אברהם! (שווייגט).

אברהם: וואָס, וואָס, שאַרקע, האָסטו זיך אָפּגעהאַקט? אַ, שאַרקע?

שאַרקע: ווייל דו ביזט אַ טפש, דאָס וואָס דו ביזט. דו ביזט בלינד! איך בין אויך בלינד געווען; מיר זיינען אַלע בלינד געווען . . .

אברהם: וואָס רעדסטו, שאַרקע?

שאַרקע: דו זאָגסט, אַז איך זאָג שקר?

אברהם: (קוקט אויף איר פאַרשעמדיק): האָט מען דיך... האָסטו — — — —

שאַרקע: זעסטו... האָב ניט מורא. פון דאַן אָן האָב איך גענומען קוקן קרום אויף דער גאַנצער לינקער באַוועגונג...

אברהם: אָבער דאָך — — —

שאַרקע: (שטעלט זיך אויף): יאָ! מען האָט מיר געמאַכט אַזאַ פאַרשלאָג!

אברהם: ווי איז מיר!

שאַרקע: דערפאַר בין איך אַרויס פון דער פאַרטיי!

אברהם: אָבער, זאָג, ווי איז דאָס מעגלעך? ווער האָט מיט דיר, כ'מיין, געמאַכט דעם אַנבאָט? ווי, ווי איז מיר! וואָרום, וואָרום האָבן זיי דאָס געטאָן?

שאַרקע: ס'איז דאָ ביי אונז אַ שוואַרצער; אמת, ער האָט אַ מויל, ער קאָן ריידן, ער האָט לשון, ער איז עפּעס אַ שטיקל לערער אין האַרלעם. יאָ, פילע מאָל פלעגט ער קומען אַביסל פאַרשנאַשקעט. מ'האָט אים געוואָלט מאַכן פאַרן אָרגאַנייזער. פאַרשטייסטו, פרויען האָט ער געוואָלט — — און ווייסע!...

אברהם: און אַנדערע?...

שאַרקע: אפילו בתולות האָט מען אים געגעבן — —

אברהם: וואָרום האָסטו מיר גאָרניט געזאָגט וועגן דעם?!

שאַרקע: דו ביזט געווען מיט דיין לעבן גרייט צו אָפּפערן... אפשר, ווער ווייסט?... ווער ווייסט, וואָס דיר וואָלט ניט איינגעפאַלן צו ברענגען אַ קרבן פאַר קאָמוניזם?!...

אברהם: האָט מען געקויפט די שוואַרצע? — —

שאַרקע: פילע ווייסע מיידלעך זיינען אַוועק לעבן מיט שוואַרצע, כדי זיי איינצוהאַלטן, כדי זיי, די פירנדע־שוואַרצע זאָלן אַריינציען די שוואַרצע מאַסן, די שוואַרצע אַרבעטער, אומוויסנדיקע, אין דער לינקער באַוועגונג.

לייבעלע: ווי די נאַציס, פאַרן פאָטערלאַנד; פאַר די שטורעם־טרופּערס. און לאָמיר דיר זאָגן, אברהם, אַז די נאַציס האָבן זיך אַלץ אויסגעלערנט פון די קאָמוניסטן, פונקט ביי פונקט. די קאַמערלעך, די דיסציפּלין—אפילו די „קינדער־נעפּינג", סטראַשען אָדער אומברייינגען, מאַטערן פאַמיליעס פאַר אַנטלאָפענע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגעבן פאַר דער וועלט. איך האָב — — — —

שאַרקע: כ'האָב דאָס אויך געטראַכט. יאָ, זאָל איך אַזוי לעבן, לייבעלע...

אברהם: איר צעטומלט מיך. כ'וועל משוגע ווערן. לייבל, טו מיר אַ טובה, נאַדיר אַ טאָלער, ברענג אַרויף אַ טרונק! לאָמיר זיך אָנטרינקען, אפשר וועל איך קומען צו זיך?!

לייבל: וואָרום ניט? (נעמט דעם טאָלער): וואָס זאָל איך קויפן? פאַר שנאַפּס איז ניט גענוג: ביר, וויין?

דבורה: מיר האָבן גענוג צו טרינקען, אברהם!

לייבל: זאָל איך גיין?

דבורה: פיינע געסט; קויפן זייער אייגענעם כיבוד.

לייבל: נו וואָס, וואָס קויפן?

אַברהם: קויף וואָס דו ווילסט! און מאַך עס שנעל, גיך!
לייבל: אויף איין פוס. (שפּרינגט אונטער): זעסט, אויף איין פוס! (לאַכט. אָפּ).
(טאַניאַ, ליובאַ און לייזערקע קומען אַריין).
אַלע: האַלאָו, האַלאָו! אברהם, שאַרקע—איר זייט אויך דאָ?
טאַניאַ: וואָס אַזוי אויפגערעגט, אברהם? — אַזוי בייז! (זעצט זיך לעבן שאַרקען).
אברהם: יאָ, כ'בין בייז, זייער בייז. זאָג מיר, לייזערקע, וויפיל שוואַרצע זײַנען דאָ ביי אונז אין „יוניט"?
לייזערקע: צוליב וואָס ווילסטו עס וויסן? (קוקט אויף אים פאַרדעכטיקט).
אַברהם: כ'וועל דיר דערנאָך זאָגן!
לייזערקע: אַרום פיף־זעקס. צוליב וואָס פרעגסטו דאָס?
אַברהם: זאָג מיר, לייזערקע, ווארום מאַכט מען אַ גאַנצן טאַראַראַם פון דזשים ענדערסאָן?
לייזערקע: עך, אברהם, מיר האָבן ניט קיין סך דזשים ענדערסאָנס; ער וועט ווערן סעקשאַן אָרגאַנייזער!
אברהם: ווייסטו, וואָס ס'גייט אָן ביי אונז אין יוניט?
לייזערקע: וואָס הייסט? וואָס מיינסטו, אברהם?
אַברהם: וויפיל צאָלן מיר אים, דעם דזשים ענדערסאָן? זאָג, אויב דו ווייסט!
לייזערקע: כ'פאַרשטיי דיינע רייד ניט!
טאַניאַ: איך האָב געזען, אַז ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען היינט! אָ, אַברהם?
אַברהם: יאָ, כ'בין ניט מיט אַלעמען היינט! זאָגט מיר, צי ווייסט איר, אַז מ'האָט אָפּגעשטעלט דאָס יידישקייט אין די סאָוועטן? יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, שולן, יידיש טעאַטער, און אַזוי ווייטער?
טאַניאַ: געלעזן אין „פאָרווערטס" מסתמא!
אברהם: אין אַלע צייטונגען. פאַרשטומט דאָס יידיש־וואָרט—און ניט אַ וואָרט פון די יידישע שרייבער! ווער ווייסט, אפשר צעשאָסן; ווער ווייסט, אפשר פאַרשיקט אין סיביר!
טאַניאַ: איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט, אברהם; איר הערט אונזערע שונאים, וואָס זאָגן, אָדער שרייבן. איר ווייסט, מיר האָבן „בירא־בידזשאַן", אַ יידישע אייגענע אויטאָנאָמיע...
אברהם: כ'האָב פילע חדשים ניט דערהאַלטן קיין יידישע צייטונגען פון די סאָוועטן. איר פאַרשטייט, וואָס איך זאָג?
(אַלע קוקן זיך איבער. אַ פאַרדריקטע שטילקייט פילט זיך. לייבעלע קומט אַריין).
לייבל: מיר'ן באַלד קאָנען פירן דעם מיטינג דאָ. (צו טאַניען): וואָס מאַכסטו, טאַנישקאַ?
טאַניאַ: איז עס אמת, לייבעלע, וואָס אַברהם זאָגט?
לייבל: וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט דאָס יידיש וואָרט אין סאָוועטן?
טאַניאַ: און דו גלויבסט אויך?
לייבל: „וויז מיר דיין חבר און איך וועל דיר זאָגן ווער דו ביזט"!
טאַניאַ: וואָס מיינסטו מיט דעם, לייבעלע?...
לייבל: זינט זיי האָבן זיך געמומען חברן מיט היטלערן, האָב איך געוואוסט

אַז... (צו אברהמען): דו ווילסט דאָך אַ טרונק, אַברהם, אָט האָסטו דיר אַ פלאַש וויין. (גיט אים).

אַברהם: (פּראָפּקעט אָפּ, זופּט פון פלעשל).

ליובאַ: וואָס טוט זיך דאָ היינט? די וועלט דרייט זיך צוריק!

אברהם: הערט, וואָס איך פרעג אייך, מיידלעך: ענטפערט אויב איר ווייסט! אָבער באַהאַלט זיך ניט, כ'וויל וויסן!

טאַניאַ: (קוועטשט מיט די אַקסלען): כ'ווייס ניט, וואָס דאָ קומט פאָר...

אברהם: (קוקט איר אין די אויגן): טאַניאַ, שעמט זיך ניט, ענטפערט וואָס איך וועל אייך פרעגן; כ'מוז דאָס וויסן!

טאַניאַ: וואָס וויסן? וואָס רעדט איר, אברהם?

שאַרקע: טאַניאַ, ער ווייסט, כ'האָב אים געזאָגט!

טאַניאַ: צוליב וואָס? מ'האָט דאָך אונז ניט געניט; אָט האָסטו זיך אָפּגעזאָגט; אַנדערע פרויען האָבן איינגעשטימט!

אַברהם: (טוט אַ קלאַפּ די פלאַש אָן טיש. עס פּלאַצט די פלאַש און עס צעגיסט זיך דאָס וויין): און מיינט איר צו זאָגן, אַז איר האָט ניט פּראָטעסטירט?

לייזערקע: נישט געפערלעך—די פרויען האָבן זיך גערן אָנגעכאַפּט. איך האָב שוין פון לאַנג געוואוסט, מיר מוזן דאָס טאָן. ס'איז באַשטימט פון אויבן. מיר מוזן אַריינקריגן די שוואַרצע—פאַרשטייסט!?

אברהם: עקלהאַפט, שמוציק! מיט שוואַרצע, און ער אַזאַ מיאוסקייט, ער איז דאָך פונקט ווי אַ מאַלפּע! וואָלט ער כאָטש געווען פון די שענערע שוואַרצע.

לייזערקע: אָבער ער האָט אַ מויל, לשון! איז אַ פירער פון דער קירכע, דער גאַנצער מאַכער: אַפילו דער פּריסט הערט זיך צו צו זיינע רייד! פאַרשטייסט? ער האָט שוין צענדליקע אין דער פּאַרטיי אַריינגענומען.

אברהם: איך האָב אויך אַריינגענומען צענדליקע, האָט מען מיר באַצאָלט? האָב איך פאַרלאַנגט באַצאָלט?!

לייזערקע: קאָך זיך ניט! אויב די פרויען וואָלטן ניט געוואָלט, וואָלט מען זיי ניט געניט. כ'זאָג דיר, זיי ווילן אַליין!... נו, מיר'ן בעסער ריידן פון דיין זאַך. כ'וויל טאַקע וויסן, צי ס'איז אמת אַז מען דערהאַלט מער ניט קיין יידישע צייטונגען פון די סאָוועטן?

אַברהם: (אויפגעקאָכט): ס'איז אמת! כ'פלעג דערהאַלטן דריי מאָל אַ וואָך צייטונגען און ביכער; און די „פרייהייט" מאַכט זיך כלא־ידע און דערמאָנט ניט קיין וואָרט; די „פרייהייט" רעדט נאָר אַז אין ישראל לאָזט מען קיין יידיש ניט; וועגן סאָוועטן קיין וואָרט ניט!...

טאַניאַ: אויב אַזוי, איז עפּעס גאָרניט פיין מיט אונזערע יידן דאָרטן? אפילו אונטערן צאַר האָט מען ניט פאַרבאָטן קיין יידישע צייטונגען. מיין טאַטע דערציילט — — —

אברהם: פרעגט מיך, ניט אייער טאַטן. איך האָב געשריבן אין די צייטונגען איידער איך בין געקומען אַהער, מיט פופצן יאָר צוריק. איך האָב געאַרבעט אין קיעוו מיט בערגלסאָנען, מיט מיכעלעס, מיט איציק פעפערן. כ'פלעג פון אים דערהאַלטן אַלע וואָך אַ בריוו. שוין פילע חדשים קיין וואָרט, קיין צייטונג, קיין בוך — גאָרנישט! אַלע יידישע צייטונגען שרייבן, אַז אויס!... אויס יידיש אין די סאָוועטן! אָט דערהאַלט איך פון פוילן, פון רומעניע. אָך און ווי וואָס פאַר אַ צייטונגען! — מען האַלט אין איין אַגיטירן, אַז ארץ־ישראל איז דאָס ערגסטע לאַנד; און דאָך רייסן זיך די יידן אַוועקצולויפן וואָס גיכער, אַבי מ'זאָל אַרויסלאָזן...

טאַניאַ: כ׳האָב אַמאָל געפֿרעגט אונזער אָרגאַניזער, וואָרום האַלט מען אונז אין דערציילן פֿון דער ניגערשער געשיכטע, פֿון דער ניגערשער קולטור, און וואָרום רעדט מען נישט פֿון דער יידישער קולטור. יאָ, און ווייסט איר וואָס ער האָט געזאָגט: מיר מוזן אַריינציען די שוואַרצע אַרבעטער. דערפֿאַר, זאָגט ער, לערנען מיר פֿון דער נעגערשער ליטעראַטור און קולטור. און יידישע אַרבעטער טאָרן ניט וויסן פֿון זייערע צרות? עה—זאָגט ער—יידישע אַרבעטער קומען אַליין אין אונזערע רייען; מען דאַרף זיי ניט בעטן! דאָס הייסט, אַז יידן ווייסן שוין, זאָגט ער, אַז קאָמוניזם וועט אויפֿלייזן די יידן־פֿראַגע. דערפֿאַר קומען זיי אַריין, הייסט עס.

אברהם: אַ פֿיין אויפֿלייזן! ווי צו אַזאַ אויפֿלייזן! אָט, אָט האָט מען אונז שטום געמאַכט, אויפֿגעלייזט; טאַקע אויפֿגעלייזט!...

ליובאַ: וואָרום אַזוי פּלוצים, פֿאַרוואָס? מיר יידן גיבן אַוועק אונזער געזונט, אונזער געלט. ס׳איז דאָך אונזער האָפֿנונג. כ׳האָב הונדערטער אַוועקגעגעבן פֿאַר בירא־בידזשאַן. געוואַלד! ס׳איז ניט גלאַט!

אברהם: אָט שרייבט דער „מאָרגן־זשורנאַל" אַז די סאָוועטן האָבן אַריינגעגאַרט 85 טויזנט יידן און מ׳האָט זיי פֿאַרשיקט אין סיביר, ווי די דייטשן, אויף שקלאַפֿן־אַרבעט. זיי האָבן זיי פּשוט פֿאַרנאַכט; הערט נאָר, הערט נאָר, ווי מען האָט זיי אַריינגענאַרט, הערט נאָר אַ „טריק"!...

ליובאַ: נו, נו, לאָזט אונז הערן, ווי פֿאַרנאַרט מען דאָס 85 טויזנט?

אברהם: ס׳גלויבט איך ניט? טאָ הערט, הערט נאָר ווי זיי האָבן נאָכגעטאָן די נאַציס. די זעלבע „טריקס", אָט ווי זיי האָבן דאָס געטאָן: מען האָט זיי געלאָזט וויסן ווער ס׳וויל פֿאָרן נאָך ארץ־ישראל—זאָל מען זיך פֿאַרשרייבן. וכך הווא. האָט מען זיי געהייסן זיך פֿאַרזאַמלען און מען וועט זיי, דאָס הייסט פֿון דאָרטן אָפּשיקן צו די שיפֿן און הלך—נאָך ארץ ישראל. וכך הווא; אַנשטאָט זיי אָפּשיקן צו די שיפֿן, האָט מען זיי פֿאַרשיקט אין סיביר, אין קאָנצענטראַציע לאַגערן און אויף שקלאַפֿן־אַרבעט.

טאַניאַ: אין סאָוועטישע קאָנצענטראַציע לאַגערן? ווי קאָן דאָס געבן?!

אַברהם: עס הויבט זיך אָן אויסצולייטערן אין מיין מוח. ניין! כ׳בין אַרויס פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און בין געוואָרן אַ קאָמוניסט. צוואַנציק יאָר בין איך אַ קאָמוניסט—ניין, שוין דריי־און־צוואַנציק. און ערשט איצט זע איך איין אַז עס איז ניט גוט, צו גיין און פֿאָלגן—בלינדערהייט; איך טאָר ניט פֿרעגן; אַזוי איז באַשטימט. ס׳איז אַ „דאָגמע"; מען הייסט מיר ניט גלויבן אין גאָט, נאָר מ׳הייסט מיר גלויבן אין סטאַלינען. וואָס איז ער אַ גאָט?!... אָדער האָט ער זיך געמאַכט פֿאַר אַ גאָט? אָדער וויל ער מ׳זאָל צו אים דינען ווי צו אַ גאָט? מען היט דיך דאָרט וואו דו גייסט, מיט וועמען דו רעדסט. מ׳קוקט אַריין אין דיין שיסל, אין טעפּל. אַזוי האָט באַפֿוילן—סטאַלין! אָט האָט ער באַפֿוילן מ׳זאָל דאָס יידישע מויל צומאַכן—פֿאַרטיק—האָט מען פֿאַרמאַכט! ניין, ס׳קאָן קיין וועלט מיט גוואַלד ניט אויסגעלייטערט ווערן. ס׳מוז קומען דורך עוואָלוציע, און ניט אַ געצוואונגענער רעוואָלוציע. דער האַס צום יידן קאָן נאָר פֿאַרשווינדן ווערן, ווען דאָס יידיש פֿאָלק וועט זיך איינפֿונדעווען אין זיין אייגן לאַנד, און אין איין דור שפּעטער וועט דער אַנטיסעמיטיזם פֿאַרשווינדן! און דורך אַרויפֿצווינגען דעם קאָמוניזם וועט עס ניט אַרבעטן; מען וועט אייביק מוזן האָבן אַ דיקטאַטאָרשע האַנט. מ׳וועט אַריינקוקן אין דיינע אויגן, אויף דיינע ליפּן, וואָס זיי ווילן זאָגן. ניין, מער וויל איך ניט באַלאַנגען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי! איך קער זיך

אום צוריק צו דער סאָציאַליסטישער, וואָס וועט דערפירן צו אַ וועלט דורך עוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם! אָן מורא, אָן שרעק, אַרויסצוזאָגן אָן אייגענעם געדאַנק, אַ קריטיק!...

טאַניאַ: אַגב זיינען קאָמוניסטן איבער גאָר דער וועלט, אין יעדן לאַנד, אין מדינת־ישראל זיינען דאָך אויך פאַראַן קאָמוניסטן! וואָס זאָגט איר צו דעם, אברהם?

אברהם: אַלע פעלקער מעגן און קענען זיך דערלויבן; זיי וועט מען ניט אונטערדריקן; זייער שפּראַך וועט מען ניט פאַרבאָטן; זייערע שרייבער וועט מען ניט אומברענגען נאָר ווייל זיי זיינען יידן. די סאָוועטן ווילן ניט קיין אינטעליגענטן, איבערהויפּט, יידישע אינטעליגענטן, ווי יידישע שרייבער, יידישע לערער... יאָ, איר הערט וואָס איך דערמאָן אייך?.. סטאַלין האָט אַמאָל געזאָגט צו די היט־לעריסטן, ווען מען האָט אים געפרעגט און זיין כאַליאַסטרע, ווען זיי האָבן אונטער־געשריבן דעם ניט אָנגריף „פּאַקט" מיט די נאַציס. און אָט וואָס זיי האָבן אים געפרעגט: „וואָרום גיט איר די יידן אַזוינע הויכע אַמטן און אַזוי פיל?" ווייסט איר וואָס מ'האָט געענטפערט די נאַציס? איר הערט וואָס זיי האָבן געענטפערט: „ביז מיר'ן האָבן אייגענע אינטעליגענטן, און דאַן וועלן מיר זיי געבן דעם דרך, דאַן וועלן מיר זיי אַרויסוואַרפן, דערווייל דאַרפן מיר זיי האָבן!... דערוויילע זיינען זיי די אינטעליגענטן. מיר דאַרפן צו זיי אָנקומען"... אָט דאָס האָט סטאַלין מיט זיין חברה זיי, די געבעלסעס און היטלערן געענטפערט!...

טאַניאַ: איר צעטומלט מיך, אברהם!

אַברהם: איך פּלאָנטער זיך ביסלעכווייס אַרויס פון מיין צעטומלטקייט. איך צי די פאָדעם פון מיין צעפּלאָנטערטן מוח. איך צי די פאָדעם און וואָס מער איך צי די פאָדעם פון פּלאָנטער, אַלץ ליכטיקער ווערט מיר פאַר די אויגן. איך פרעג זיך אַליין: ווי האָב איך געקענט דולדן מ'זאָל מיר הייסן טאָן, גיין, דערלאַנגען, מאָנען—נאָר ווייל די פּאַרטיי האָט אַזוי באַשטימט? ווי קומט עס צו מיין כאַראַק־טער? און נאָט אייך נאָך אַ וואָרנונג: דו, טאַניאַ, זאָגסט, ס'איז אין מדינת ישראל פאַראַן קאָמוניסטן? גאַנץ געוויס. נאָר איין זאַך קאָן איך אייך וואָרענען: זיי וועלן פיל צרות ברענגען דער יונגער מדינה; פיל, פיל צרות. זיי בונטעווען און מאַכן ביבולים מיט די אַראַבער, ווי דאָ די קאָמוניסטן מיט די שוואַרצע. און זאָל חלילה קומען צו אַן אויסברוך מיט די אַראַבער, וועלן די זעלביקע לינקע אַראַבער זיי אויסקוילען, ווי היטלער האָט געטאָן. הלוואי זאָל דאָס צו דעם ניט קומען! גאָט באַהיט!

לייבל: אָך, אַברהם, דו ביזט דאָך גאָר אַ פּאַרטיפּטער דענקער. דו וואָלסט דאָך געמאַכט אַ גוטער שטאַטסמאַן, דו האָסט דאָך אַ בליק פון אַ נביא...

אברהם: ווילסט פון מיר שפּאַס מאַכן—טו עס; נאָר דו דאַרפסט וויסן, איך בין נישט ערשט געבאָרן און איך בין אין דער פּאַרטיי, באַלד ווי דו ביזט אַלט.

לייבל: ווער גאָר שפּאַסט פון דיר? פון דיר האָב איך קיינמאָל ניט גע־שפּאַסט. פון דיר האָב איך נאָר געלערנט. איך האָב אַלע מאָל באַוואונדערט דיין טיף חכמהדיקייט, דיין קלאָרן דמיון, דיין אָפענעם מוח, פאַר אויסחשבונען אַ זאַך און עס קומט אַרויס, ווי צוויי מאָל צוויי, דייטלעך און לאָגיש!...

אברהם: נו, גיי וויס. אַ דאַנק דיר פאַר דער גוטער מיינונג וועגן מיר.

ביילקע: לייבעלע האָט אימער פון די געהאַלטן, אברהם. ער האָט אונטער דיינע אויגן אימער גוטס געזאָגט וועגן דיר.

טאַניאַ: אַלע האַלטן, אַז איר זייט אַ גוטער מאַרקסיסט. איר קענט מאַרקסן כמעט אויסווייניק, ווי אַ גוטער ייד די תורה.

אברהם: העי, העי, מאַכט מיר ניט קיין קאָמפּלימענטן, הגם האָב איך מער אין פּיאַטע ווי דער אָרגאַנייזער אונזערער אין קאָפּ. ניט מער, ער האָט אַ געשליפענעם צונג, ער האָט לשון.

טאַניאַ: און אַ בעל־גאווה אַ גרויסער דערצו...

שאַרקע: און אַ חוצפּהניק. ער האָט עס מיר— — — —

אַברהם: דער „שורקע"! איך וועל אים די מאָרדע צעקלאַפּן, דו הערסט?!

טאַניאַ: (צו שאַרקען): דו זוכסט שוין צרות, שאַרקע. ווארום קענסטו ניט האַלטן דיין מויל?

שאַרקע: מיר וועלן סיי ווי מער ניט באַלאַנגען אין דער פּאַרטיי; מיר'ן מער ניט גיין צו די מיטינגען. מיר זיינען „קאָסמאָפּאָליטן"—דאָס הייסט, ציוניסטן! מיר ווילן מער ניט לערנען די קאַצאַפּעס, ווי צו פירן אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, אַ רעגירונג, און דערנאָך וועט מען אונז אויסשיסן, ווי זיי האָבן אויסגעשאָסן בוכאַרינען, ריקאָוון, זינאָוויעוון, קאַמעניעוון, טראָצקין, א.ז.וו.—די קעפּ פון דער לענין רעוואָלוציע. און אפשר, ווייל דאָס רוב זיינען יידן? ווי איך האָב לאַנג שוין אברהמען געזאָגט, אַז סטאַלין מוז האָבן יידן, ניט אפשר ווייל זיי זיינען יידן, נאָר ווייל יידן זיינען אינטעליגענטן. דער קאַצאַפּ האָט פיינט אינטעליגענטן, אין אַלגעמיין. כ'האָב דאָס דיר ניט געזאָגט, אברהם? זאָג, איז דאָס ניט אמת?

אַברהם: מיר האָט די אויגן געעפנט דער פאַרבאָט פון יידישן וואָרט און די פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער! און אַזוי יעדן טאָג, יעדע שעה דערזע איך גרעסערע פלעקן אויף דער סאָוועטישער זון...

(פון ווייטן ווייזט זיך בעני).

טאַניאַ: לאה, אַט גייט דיין ברודער, הער זיך אויף מיט אים צו קריגן. (צו בענין): וואָס מאַכט איר, בעני? (גיט אים די האַנט).

בעני: (גיט איר די האַנט): וואָס מאַכט איר, טאַניאַ? וואָס איז, דער גאַנצער „יוניט" וועט דאָ באַלד זיין?!

לאה: ס'וועט קיין „יוניט" מיט אונז מער ניט זיין!

בעני: וואָס דענקסטו, דו ביזט אַ בעל־דעה אין יוניט אויך?

לאה: מיר זיינען „קאָסמאָפּאָליטן"—מיר זיינען געוואָרן ציוניסטן, פאַר־שטייסטו? און אַט האָסטו!

בעני: ביזט שוין געוואָרן אַ ציוניסטקע אויך?!

לאה: יאָ, בעני, ווילסט אפשר וויסן ווי מיר האַלטן מיטן יוניט, מיט דער פּאַרטיי? וועל איך מאַכן אַ פאָרשלאַג: מיר וועלן אָפּשטימען, ווער איז פאַר וועמען?

בעני: אָ־קיי, חברה, ווילט איר איך זאָל דאָס טאָן?

לאה: איך וועל דאָס טאָן: חברים, ווער שטימט מיר זאָלן אַרויס פון דער פּאַרטיי, זאָלן אויפהויבן די הענט!

(אַלע האָבן אויפגעהויבן די הענט, חוץ בעני).

לאה: אַט האָסטו דיר! דו קאָמוניסט, דו אַנטיסעמיט! אַ יידישער קאָמוניסט איז אַן אַנטיסעמיט, וואָס וועט אַמאָל אַליין פאַרשניטן ווערן פון די גויאישע קאָמוניסטן, ווי פון היטלערן!...

בעני: (בלייבט שטיין צעטומלט, קוקט אויף לאהן. צו לאהן): דו, דו! מרשעת! (גייט אַוועק מיט אַ קריץ פון די ציינער).

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

אין קייטן פון לעבן



העוועלאָק עליס — ב. דיימאָנדשטיין

אין קייטן פון לעבן

אַ שפּיל אין צוויי סצענעס מיט אַן עפּילאָג

באַטייליקער:

ערשטער בעטלער: } אַ גרופּע בעטלער
צווייטער בעטלער: } וואַנדערנדיקע
דריטער בעטלער: } בעטלער

ערשטער בירגער: } בירגער
צווייטער בירגער: } פון שטאָט
דריטער בירגער: } אוראַגאַן

מענער און פרויען.

ערשטע סצענע

די האַנדלונג קומט פאָר הינטער דער שטאָט אוראַגאַן. אַ ווילד טרוקן פעלד, אָנגעוואָרפן שטיינער, פעלזן און פאַרדאַרטע שטאַמען פון בוימער. לינקס, אַ הויכע שטיינערנע וואַנט, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט. אין מיטן וואַנט—אַ מאַסיווער פאַר״ריגלטער טויער. פון שטאָט דערטראָגן זיך קלאַנגען פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. פון רעכטס מיטן שטויבן־וועג קומען אָן בעטלער, מידע און איינגעבויגענע; זייערע קליידער אָפּגעריסן; די פיס פאַרבונדן מיט שמאַטעס. מ׳הערט זייערע שטימען.

* * *

אַ שטימע: (עקסטאַטיש): איך זע שוין די שטאָט—אָט דאָרטן, קוקט, זעט!

שטימען: וואו, וואו זעסטו די שטאָט?

אַ שטימע: אָט דאָרטן, דאָרטן. איך זע שוין די שפּיצן און קופּאָלן פון שטאָט.

צווייטע שטימע: יאָ, כ׳זע, כ׳זע; איך זע דעם רויך פון די קוימענס.

שטימען: יאָ, מיר זעען. אָ, געלויבט און געבענטשט איז די רגע וואָס מיר האָבן די שטאָט דערזען.

(זיי דערנעענטערן זיך צום שטאָט. עס דערשיינען דריי בעטלערס).

ערשטער בעטלער: אָ, ווי וואונדערלעך־שיין די שטאָט איז. אירע גאָלדענע טורעמס און פּאַסאַדן גלאַנצן און פינקלען ווי טויזנט זונען.

צווייטער בעטלער: אין מיין נאָז שמעקט שוין די געשמאַקע ריחות פון געבראָטן פלייש און פריש־געבאַקטן ברויט. ס׳איז די שטאָט איבערפול מיט כל־טוב און אַלע טירן זיינען דאָרטן אָפן—עס און טרינק—וויפיל דו ווילסט!

דריטער בעטלער: און קליידער און שיך זיינען דאָרטן פאַראַן איבער־גענוג, וואָס דו באַדאַרפסט!

(פון שטאָט דערטראָגן זיך טענער פון אַ קלאַסישן באַלעט).

ערשטער בעטלער: הערט, הערט, די הימלשע מוזיק, די אָרקעסטערן שפּילן אין די גאַסן און אין די פּאַרקן, און מסתמא די פאַרליבטע פּאָרלעך טאַנצן פאַרזונקענדע אין פרייד.

צווייטער בעטלער: ס׳קאָן דאָך די מוזיק ניט שטילן דעם ווייטאגדיקן קראַמף פון מיין הונגער און דעם ברענענדיקן פיבער פון מיין דאָרשט!

דריטער בעטלער: נישט טאַנצן נאָר רוען וויל איך. ווי פאַרמאַטערט און צעבראָכן איך בין. אַלע מיינע אברים זיינען צעווייטיקט און צעפּייניקט פון מידקייט.

ערשטער בעטלער: (קוקנדיק פון באַרג אין שטאָט): ווי פּראַכטפול, ווי צויבערלעך די שטאָט איז.—אַ פאַנטאַזיע פון פאַרברייכן מאַרמלשטיין און רעגנ־בויגנדיקע פאָנטאַנען. די בלומען אין די גאַסן און גערטנער זיינען אַ סימפאָניע פון ריחות און פאַרבן.

צווייטער בעטלער: אָ, ווי זאָט און שפּע׳דיק ס׳איז דאָס לעבן אין שטאָט!

דריטער בעטלער: ווי גוט ס׳איז צו לעבן אין אייביקן יום־טוב, אין שטענדיקער פרייד! (די בעטלער קומען צו צום טויער).

ערשטער בעטלער: (פּרובירט עפענען דעם טויער): דער טויער איז פאַרשלאָסן. (קלאַפּט): עפנט, עפנט, לאָזט אַריין!

צווייטער בעטלער: (פּרובירט אויך צו עפענען דעם טויער און קלאַפּט): עפנט, האָט רחמנות אויף פאַרהונגערטע און פאַרפּייניקטע וואַנדערער. עפנט אויף דעם טויער!

דריטער בעטלער: (קלאַפּט): עפנט! דערבאַרעמט זיך און לאָזט אַריין, גוטע מענטשן; האָט רחמנות און עפנט אויף!

ערשטער בעטלער: (קלאַפּט מיט רוגזה): עפנט! האָט גאָט אין האַרצן און עפנט דעם טויער. (באַטראַכט לאַנג די וואַנט און טויער): ס׳איז די וואַנט פון שטיין און גראַניט, און דער טויער איז פון אייזן און שטאָל!

(די בעטלער, איינגעבויגענע און צעבראָכענע, זעצן זיך אויף פעלזן און שטאָמען פון אונטערגעהאַקטע ביימער).

צווייטער בעטלער: האָבן זיך פאַרשלאָסן און לאָזן נישט אַריין. אַלע מאָל אַזוי: פעטע פעלדער זיינען שטענדיק אַרומגעצוימט.

דריטער בעטלער: אויב ס׳איז דער טויער פאַרשלאָסן—האָט דאָך עמיצער דעם שליסל. לאָמיר וואַרטן ביז מ׳וועט עפענען.

ערשטער בעטלער: שוין אַ לאַנגע צייט אַז דער טויער איז פאַרשלאָסן. דאָס קען מען זען פון פאַרזשאַווערטן שלאָס און דעם פאַרוואַקסענעם מאָך אַרום טויער זאָגט עדות אַז ס׳איז שוין חדשים, אפשר יאָרן, ווי אַ מענטשלעכע פוס האָט דעם אַריינגאַנג נישט באַטראָטן.

צווייטער בעטלער: וואָס־זשע בלייבט צו טאָן? סיידן זיך צוריקקערן צוריק צום הונגער און פּיין. אָ, ווי איך שרעק זיך פאַר דעם! דאָס וואַרפט אויף מיר אַ פּחד און אַ גרויל!

דריטער בעטלער: מיר מוזן האָבן געדולט און וואַרטן.

ערשטער בעטלער: ווי אַזוי קענען מיר וואַרטן, אַז מיר צאַנקען און גייען אויס פון הונגער. און ווי קענען מיר צוריקגיין, אַז אונזערע פיס זיינען צעשניטן און צעבלוטיקט!

צווייטער בעטלער: אָט־דאָ אויף די שטיינער וועלן מיר אויסגיין ווי די בלודנע הינט!

דריטער בעטלער: האָפנונג און געדולד. אַ יעדער שלאָס מוז אַמאָל אויפגעשלאָסן ווערן!

ערשטער בעטלער: אַ שלאָס ווערט געמאַכט, אָבער מען קען אים צוברעכן! (אַנטשלאָסן): יאָ, חברים, מיר מוזן זיך אַריינברעכן אין שטאָט אַריין.

צווייטער בעטלער: וועלן מיר זיך אַריינברעכן מיט געוואַלד, וועט מען אונז באַגעגענען מיט מאַכט, און שווערד וועט שניידן און בלוט וועט זיך גיסן.

דריטער בעטלער: מיר פאַרהונגערטע און דערשלאָגענע, צי האָבן מיר כוח איינצוברעכן אָט אַזאַ אייזערנערם טויער?

ערשטער בעטלער: מיר דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר שווערד און בלוט. אונזערע לייבער זיינען סיווי צעשניטן און צעבראָכן. פון אונזערע וואונדן טריפט דאָס בלוט סיווי. צוזאַמען, חברים, לאָמיר ברעכן דעם טויער און אַריין אין שטאָט!

אַלע: יאַ, איינברעכן דעם טויער און אַריין אין שטאָט!
אַ שטימע: צוזאַמען, חברים, לאָמיר שטורמען!
אַלע: צעברעכן און צעשמעטערן!
(זיי לאָזן זיך צום טויער. די סצענע ווערט מיטאַמאָל טונקל).

צווייטע סצענע

האַנדלונג קומט פאָר אין דער אינעווייניקסטער זייט פון טויער פון שטאָט. די סצענע שטאַלט פאָר אַ פעלד מיט רייפע זאַנגען. די וואַנט און טויער זיינען אויף דער רעכטער זייט פון בינע. פון ווייטן זעט מען די פינקלדיקע פאַסאַדן פון שטאָט. עס דערטראָגן זיך טענער פון אַ קלאַסישע סימפאָניע.

(אַ גרופע בירגער קומען אָן פון לינקס מיטן אַספאַלט־וועג און דערנענטערן זיך צום טויער. די האַנדלונג פון דער צווייטער סצענע קומט פאָר גלייכצייטיק מיט דער ערשטער סצענע).

ערשטער בירגער: (ווייזט אָן אויפן טויער): אָט איז דער טויער פון שטאָט. באַלד וועלן מיר זיין פריי!

צווייטער בירגער: וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דאַנען, צו ווערן באַפרייט פון דער שטאָט מיט איר טרויער און פאַרצווייפלונג.

דריטער בירגער: ס'האָט די שטאָט אונז דערשלאָגן און פאַרפייניקט! זי דריקט און שטיקט ווי אַ שווערע משא.

ערשטער בירגער: ניט קיין משא, נאָר אַ ליידיקייט, אַ וואַקיואום. אָט־די פוסטקייט האָט אויסגענאָגט אונזערע נשמות.

צווייטער בירגער: פוסטקייט וועקט שווערער ווי די שווערסטע משא!

דריטער בירגער: מיר זיינען פאַרדאַרט און פאַרטריקנט ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן.

ערשטער בירגער: ס'האָט דאָס לאַנגווייל פאַרסמט דאָס געמיט. דער שטענדיקער יום־טוב האָט אָוועקגערויבט אונזער ווילן צו שאַפן.—מאַנאָטאָן!

צווייטער בירגער: אַ יום־טוב ברענגט פרייד, נאָר ווען ער קומט נאָך פראַצע און מלאכה.

דריטער בירגער: פוסט און פאָס מאַטערט אויס ווי די שווערסטע אַרבעט!

ערשטער בירגער: וואָס קומט אַרויס פון פיינע מאכלים, אַז מען קאָן זיי נישט פאַרדייען?

צווייטער בירגער: און וואָס קומט אַרויס פון די שיינע מלבושים, אַז דער גוף קאָן זיי נישט פאַרליידן.

דריטער בירגער: און אַזוי איז אויך אונזערע קונסט־טעמפלען: אָן געשמאַק און אָן אַ ציל!...

ערשטער בירגער: ווי קען קונסט באַרייכערן אַ לעבן וואָס וויל נישט גייסטרייכער און שענער ווערן?!

צווייטער בירגער: ווי קאָן מען דערפרייען און דערוואַרעמען אַ האַרץ, וואָס איז פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט!

דריטער בירגער: זאָרג מאָנט האָפנונג; שטרעבן ברענגט פרייד. ס'האָט די שטאָט אָוועקגערויבט פון אונז די האָפנונג און דעם גלויבן, די טרייסט און די פרייד!

ערשטער בירגער: ס'איז די שטאָט איינגעהילט אין טרויער, ווי אין אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק.

צווייטער בירגער: די קונסט־טעמפּלען און סטאַטועז זיינען מצבות אויף אונזער בית־עולם.

דריטער בירגער: און די אָרקעסטערן שפּילן לויה־מאַרשן!

(די בירגער דערנעענטערן זיך צום טויער).

ערשטער בירגער (פּרובירט עפענען): ס'איז דער טויער פאַרשלאָסן!

צווייטער בירגער: (פּרובירט אויך עפענען) יאָ, פאַרריגלט און פאַרשלאָסן.

דריטער בירגער: (באַקוקט, שטופּט דעם טויער): שוין לאַנג איז דער טויער פאַרשלאָסן. שוין אַ לאַנגע צייט אַז ער איז נישט געעפנט געוואָרן.

ערשטער בירגער: מיר זיינען געפאַנגענע!

צווייטער בירגער: ווי פאַרברעכער האָט מען אונז פאַרשפּאַרט, פאַר־שלאָסן אין אַ תפיסה.

דריטער בירגער: דעם גוף און די נשמה האָט מען געקאָוועט אין קייטן.

ערשטער בירגער: און וואָס איז אונזער פאַרברעכן? מיט וואָס האָבן מיר פאַרזינדיקט? מיט וואָס?

צווייטער בירגער: מיר האָבן געזינדיקט מיט דעם, וואָס אונזער לעבן איז אויסגעשעפּט, אויסגעליידיקט! מיר זיינען פאַרברעכער מיט דעם, וואָס מיר ברענגען קיינעם קיין נוצן נישט!

דריטער בירגער: מיר זיינען נוצלאָז פאַר זיך אַליין. אָט־דאָס איז די ערגסטע שטראָף!

ערשטער בירגער: קנעכט זיינען מיר; פאַרשפּאַרט ווי אין אַ לאַגער.

צווייטער בירגער: פון דער קנעכטשאַפט מוזן מיר זיך באַפרייען!

דריטער בירגער: מיר מוזן צעברעכן די גראַטעס. מיר מוזן זיך באַפרייען פון תפיסה!

ערשטער בירגער: יאָ, צעברעכן דעם שלאָס, די ריגלען, און פריי ווערן פון אונזער געפענקעניש.

צווייטער בירגער: צעברעכן די ריגל־שלעסער און אַנטלויפן פון שטאָט.

דריטער בירגער: חברים, לאָמיר ברעכן; עפענען דעם טויער און ווערן באַפרייט.

אַלע: צעברעכן די ריגל־שלעסער און אַרויס אויף דער פריי — — — — בירגער, אַלע צוזאַמען!

(ברעכן די שלעסער פון טויער. גרויסער געטומל).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

עפּילאָג

די סצענע: די וואַנט און טויער איז אין מיטן. מ'זעט דעם אינעווייניק און דעם דרויסן. די בעטלער שטופּן מיט די הענט און פּלייצעס; די בירגער, מיט האַמערס און לאָמען. די בעטלער ווילן אַריין אין שטאָט און די בירגער ווילן זיך באַפרייען פון שטאָט אין דער פריי־וועלט.

דער טומל איז זייער גרויס פון ביידע זייטן. פון שטאָט צעכריפּעט זיך די צעשויבערטע קלאַנגען פון אַ דזשעז־אָרקעסטער און ווערט אויסגעמישט מיט קלאַנגען פון האַמערס און קרעכצן.

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

(פּעטערסאָז, ניו־דזשוירזי, 1914)

די פאַרבלאָנדזשעטע ראָזעלע

אַ קינדער־שפּיל

אנטיילנעמער:

ראָזעלע: אַ יאָר 7-8		טיגער
אַ שטימע	בער	לייב
עכאָ	געלער האָז	גרינער וואָלף
ווייסער פוקס	זעקס מיידעלעך	אַ פערד
ציג	זעקס ייִנגעלעך	אַן אייזל
קו	העלפאַנט	אַ קעמל

די בינע: אַ וואַלד; בוימער פון אַלערליי גרויס; שטעכלקע בוימער. די אַרונטערגייענדיקע זון שפּיזלט דורך די בוימער איינגעהילט אין אַ רויטלעכער טונקלקייט. סטעזשקעס וואָס פירן טיף אין וואַלד. עס הערט זיך דאָס ברומען פון אַ חיה, אַ וואויען פון אַ וואָלף און געזאַנג פון נאַכט־פויגעלעך.

(ראָזעלע גייט אַ וויינענדיקע און אין שרעק קוקט זי זיך אַרום אין אַלע זייטן. זי פאַלט שלאָפן אַ מידע, און זי חלומט אַז זי לויפט אין וואַלד אַ פאַרלאָרענע)

ראָזעלע: (שרייט און רופט): מאַמע! מאַמע!

עכאָ: (ענטפערט אָפּ): מאַמע ־ מאַמע־ע־ע־ע

ראָזעלע: וואו בינסטו, מאַמע?

עכאָ: וואו בינסטו, מאַמע־ע־ע?

ראָזעלע: מאַמע, כ׳האָב מורא, מאַמע!

עכאָ: מאַמע, כ׳האָב מורא, מאַמע־ע־ע.

(ס׳ווערט גוט טונקל. די לבנה זעט זיך אויפגיין דורך די שפּאַלטן פון די צווייגן און שפּיזלט אַריין אַ בלאַסן, קאַלטן ליכט־פּאַס. עס פילט זיך, עפּעס באַוועגט זיך פון צווישן די בוימער).

ראָזעלע: (לויפט אַרום דערשראָקן. שפּאַרט זיך אָן אַ בוים, שרייט): מאַמע, מאַמע! אָ, מאַמע!

אַ שטימע: ראָזעלע, ראָזעלע: מען דאַרף פאָלגן אַ מאַמען!

ראָזעלע: ווער ביזטו? וואו ביזטו? כ׳האָב מורא.

אַ שטימע: מען דאַרף פאָלגן אַ מאַמען.

ראָזעלע: וואו איז מיין מאַמע? מאַמע, מאַמע, נעם מיך אַהיים, פיר מיך אַהיים. כ׳וויל מיין מאַמען.

(עס הערט זיך דאָס ברומען פון פאַרשידענע חיות, דער ברום פון דער נאַכט־איילע (אָול), סאָווע: אר־אר־או!).

ראָזעלע: (ווערט פאַרציטערט): מאַמע, מאַמע! (לויפט און פאַלט איבער אַ צווייג און צעווײנט זיך. פאַרדעקט אירע אויגן מיט די הענטלעך. ס׳קומט אַרויס פון הינטער אַ בוים אַ ווייסער פוקס און שטעלט זיך קעגן ראָזעלען).

פוקס: שאַ, שאַ! וואָס וויינסטו, ראָזעלע?

ראָזעלע: (נעמט אַרונטער די הענט און דערשרעקט זיך; רוקט זיך אַהינ־טערצו): אָי, מאַמע! — —

פוקס: האָב נישט מורא, ראָזעלע, כ'בין געקומען דיר העלפן; נישט קיין שלעכטס טאָן דיר!

ראָזעלע: זע ווי ס'ברענען דיינע אויגן.

פוקס: דאָס האָב איך געליען פון גרינעם וואָלף, כדי איך זאָל דיך זען און באַלייכטן דעם וועג.

ראָזעלע: וועסט מיך פירן אַהיים, צו מיין מאַמען?

פוקס: יאָ, אַהיים, ביז'ן הויז — אין שטוב אַריין!

ראָזעלע: ביז'ן שטוב? גוט! ווער האָט דיך געלערנט ריידן?

פוקס: גאָט האָט מיך געלערנט ריידן, ווען ער האָט מיך געשיקט דיך באַשיצן. גאָט האָט מיך געלערנט ריידן מיט אַלע חיות פון וואַלד, זיי זאָלן מיך פאַרשטיין און פאָלגן. כ'וועל דיך באַשיצן!...

ראָזעלע: כ'בין הונגעריק, כ'וויל עסן!

פוקס: (טוט אַ רוף): מעע, מעע, מו, מו!

(פון הינטער די ביימער קומען אַרויס אַ ציגעלע און אַ קו. זיי גייען אויף די הינטערשטע פיס).

ציג און קו: מיר זיינען דאָ, ווייסער פוקס, וואָס פאַרלאַנגסטו?

פוקס: צוויי טעפּעלעך מיט מילך.

קו און ציג: מיר האָבן נישט קיין טעפּעלעך!

פוקס: (ברומט) בו־בו, בער, צוויי טעפּעלעך!

בער: (קומט אַרויס פון הינטערן בוים מיט צוויי טעפּעלעך) **אַט האָסטו, ווייסער פוק, צוויי קלאָרע טעפּעלעך.**

פוקס: (צו דער ציג און קו): דאָ האָט איר טעפּעלעך, גייט און מעלקט אָן מילך. (ציג און קו פאַרשווינדן אין וואַלד מיט די טעפּעלעך): וואו ביזטו דאָרט, געלער האָז?

האָז: (קומט אַרויס פון הינטער אַ בוים): וואָס ווילסטו, ווייסער פוקס?

פוקס: באַק מיר אויס — און געשווינט — צוויי פּוטערחלהלעך פון דעם פיינ־סטן מעל, מיט געלן האָניק פון אויבן.

האָז: גלייך, און ווי דו הייסט! (פאַרשווינדט).

קו און ציג: (קומען פון וואַלד): אַט האָסטו מילך, ווייסער פוקס.

פוקס: (נעמט די מילך) נאַ, ראָזעלע טרינק די מילך. באַלד וועט דער געלער האָז אָפּבאַקן בולקעלעך פאַר דיר, וועסטו שטילן דיין הונגער. באַלד וועל איך צוזאַמענרופן דעם וואַלד און דיך באַקאַנען מיט די חיות, און דו זאָלסט נישט מורא האָבן. אַט וועל איך מאַכן ליכטיק דאָ אין וואַלד און די חיות וועלן דיך קאָנען זען און דו וועסט זיי קאָנען זען.

האָז: (קומט אַרויס פון וואַלד מיט צוויי חלה'לעך, קיילעכדיקע, אויף צוויי גרינע בלעטער, פאַר טעלער): אַט האָסטו די בולקעלעך, ווייסער־האָז, זע, פריש און וואַרעם, מיט געלן האָניק פון אויבן.

פוקס: אַ דאַנק דיר, געלער האָז. (נעמט די בולקעלעך): נאַ, ראָזעלע, עס און שטיל דיין הונגער. (צום געלן האָז): דו, געלער האָז, גיי זאָג אָן אַלע חיות און פויגלען, מען זאָל קומען באַגריסן ראָזעלען. ראָזעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד און איך וועל זי באַלד פירן אַהיים. יאָ, זי וועט שוין פאָלגן דער מאַמען און וועט מער אַליין נישט אַוועק אָן מאַמעס וויסן.

ראָזעלע: (עסט) געשמאַקע בולקעלעך, ווייסער פוקס! אַך, ווי באַטעמט!

פוקס: (טוט אַ שפּרונג און אַ טופּע אָן דער ערד. עס בייט זיך די ליכט:

ליכטיקער, ליכטיקער, העלער, העלער, געלבלעך, רויטלעך, ביז זון ליכטיק).

ראָזעלע: (קלאַפּט מיט די הענטעלעך, פריילעך): **ווי אין מיטן טאָג, ווייסער פוקס! ס'איז וואונדערבאַר, וואונדערבאַר, ווייסער פוקס! יאָ, ווי אין מיטן העלן טאָג!**

(עס הערט זיך דאָס ברומען פון פילע חיות. עס קומט אַרויס אַ יונגער העלפאַנט אויף די הינטערשטע פיס און נייגט זיך פאַר ראָזעלען דריי מאָל. דערנאָך קומט אַרויס דער לייב, דער טיגער, דער בער, דער גרינער וואָלף, און אַלע אויף די הינטערשטע פיס און בייגן זיך פאַר ראָזעלען. זיי צעשטעלן זיך אין אַ ריי. דערנאָך קומט אַרויס אַ פערד, אַן אייזל, אַ קעמל, אַ הונט און אַ קאַץ, און שטעלן זיך פאַר ראָזעלען. די פויגל און פויגעלעך זינגען. פון ערגעץ הערט זיך אַ קינדער־כאָר. די קלאַנגען הערן זיך אָנקומען, הילכיקער, ביז די קומען אַרויס פון וואַלד. עס קומען אַרויס זעקס מיידעלעך אין ווייסן אָנגעטאָן. דערנאָך קומען זעקס יינגעלעך אין בלויע גאַרניטערלעך. די מיידעלעך טראָגן רויטע בלומען־קרענץ אויף די קעפּלעך; די יינגלעך, געלע מיצלעך. אַלע באַגריסן ראָזעלען מיט הוראַ! איין מיידעלע און איין יינגעלע קומען צו צו ראָזעלען).

מיידעלע: ראָזעלע, דאָ האָסטו אַ מתנה'לע פון אונז מיידעלעך: **אַ זעלטענע בלאָע טייבעלע, וואָס זינגט!**

ראָזעלע: (נעמט דאָס טייבעלע): **אַ גרויסן דאַנק אייך, מיידעלעך.** (טוט אַ קוש דער מיידעלע).

יינגעלע: ראָזעלע, דאָ האָסטו אַ ווייסן אָדלערל, **וואָס קרייעט ווי אַ האָן, יעדער שעה פון טאָג. אַ מתנה פון אונז יינגעלעך.**

ראָזעלע: (גיט אים די האַנט): **אַ דאַנק אייך, יינגעלעך.**

מיידעלעך (זינגען): **היט די מתנה, ראָזעלע;**
היט דאָס בלויע טייבעלע.

יינגעלעך (זינגען): **היט די מתנה, ראָזעלע;**
היט דאָס ווייסע אָדלערל.

מיידעלעך (זינגען): **זיי געגריסט, זיי געגריסט, ראָזעלע,**
דו ביזט דאָך קלאָר ווי אַ ווייסע בלום
און די בעקלעך, ווי רויטע רויזן—
ווי אַ קראַנץ דיינע לאָקן אַרום.

זינגעלעך (זינגען): **פאַר דיין שרעק, דו שיינע ראָזעלע,**
גאָט היט אָפּ קליינע קינדערלעך,
האָט גאָט געשיקט צו דיר דעם ווייסן פוקס.—
גאָט וואַכט איבער קליינע מיידעלעך.

(מיידעלעך צעלאָזן זיך אין אַ טאַנץ).

פוקס: דו ראָזעלע, שטיי אין מיטן; איר אַלע, יינגעלעך און מיידעלעך, צוזאַמען לכבוד ראָזעלען. (עס הערט זיך דער נאַכטיגאַל פאַרגייט זיך אין אַ לאַנגן געזאַנג. צום ריטם טאַנצן די קינדערלעך, און פון וואַלד האָט זיך דערהערט אַ פידל־קלאַנג, דערנאָך אַ טרומייט. ס'ווערט שטיל אַ ווײַלע, דערנאָך צעזינגט זיך דער וואַלד אין אַ דזשעז־מוזיק און די חיות צעלאָזן זיך אין אַ טאַנץ צום טאַקט פון דער דזשעז־מוזיק. ראָזעלע ווערט אויך אַריינגעצויגן און זי הויבט **אָן זינגען.** אַלע בלייבן שטיל, נאָר דער נאַכטיגאַס העלפט איר צו).

ראָזעלע: דאַנק דיר, פוקס ווייסער, דו וואַכסט איבער מיר,
וועסט מיך צוריק ברענגען צו מיין מאַמעס טיר.
וויין נישט, מאַמע, וואו דו ביזט,
דיין שרעק איז אומזיסט.
טרערן בלוטיקע דו גיסט —
אַך, ווען דו ביזט דאָרט איצט!

(ס'ווערט טונקעלער. די ליכט פאַרגייט, ביז ווי פריער, מיט דער לבנה־שיין).

דער לייב: אַ גוטע נאַכט, ראָזעלע.

אַלע חיות (מיט איין מאָל): אַ גוטע נאַכט, ראָזעלע. (זיי פאַרשווינדן איינע נאָך דער צווייטער הינטער די ביימער אין וואַלד; דערנאָך די קינדער. עס הערט זיך נאָך דאָס שפּילן פון דער פידל. עס פאַלט אַ פאַס לבנה־ליכט. עס זעט זיך גייענדיק טאַנצן די קינדער אין צוויי רייען. עס זעען זיך די חיות פאַרשווינדן פון דער ליכט. דער בער, דער געלער האָז, די ציג, די קו און דער ווייסער פוקס שטייען לעבן ראָזעלען. עס בייט זיך די ליכט, געמישט מיט אַ בלויקייט, ווי אין קאַיאָר. עס הערט זיך דאָס שפּילן פון טרומפּייט. די קינדער זעט מען נאָך טאַנצן אין אַ פלינקן געדריי, איינע נאָך די אַנדערע פאַרשווינדן זיי אַהינטער די ביימער. עס ווערט ווידער טונקל. עס שפּילט דורך די לבנה־ליכט דורך די צווייגן).

בער: אַ גוטע נאַכט, ראָזעלע.

די ציג, די קו: אַ גוטע נאַכט, ראָזעלע: זאָלסט פאָלגן דער מאַמען!

(זיי גייען אָפּ אין וואַלד. עס הערט זיך דאָס געלעכטער קולכעלעך פון די קינדער הינטער די ביימער און די קלאַנגען פאַרשווינדן. עס הערן זיך די פייגל זינגען, ווי אַ שלאָף־ליד).

פוקס: קום, ראָזעלע, קום אַהיים. (ער נעמט זי פאַרן הענטל, ער פירט זי דורך דעם גלייכן וועג פון וואַלד. עס ווערט טונקעלער, געדיכטער. די לבנה באַהאַלט זיך הינטערן וואַלד. עס ווערט פאַר אַ ווײַלע שטיל).

אַ שטימע: אַ מאַמען מוז מען פאָלגן; אַ קינד מוז פאָלגן אַ מאַמען!

ווייסער האָז: הערסט, ראָזעלע: אַ מאַמען מוז מען פאָלגן.—קום צו דיין מאַמען.

(פאַרהאַנג)

(ניו־יאָרק, 1914)

פאַנטאַזיע

פאַנטאַזיע

באַטייליקער:

איינער | גימל | שופט | פּראָטאָקאָל-
אַלף | דלד | היטער- | שרייבער
בית | פּראָקוראָר | שדים | מלאָכים

די בינע: לאָס אַנדזשעלעס. אַ גרויסער זאַל פול מיט מענטשן. ס'איז מלחמה־צייט.

איינער: (לויפט אַריין מיט גוואַלדן): אַנטלויפט, באַהאַלט זיך! דעם שונא'ס עראָפּלאַנען קומען אָן! (עס הערט זיך אַן אויפרייס. געשרייען און קרעכצן. עס פאַלן באַלקנס, ווענט. עס ליגן טויטע, צעריסענע, פאַרוואונדעטע. שפּעטער האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ גרויסער שטוב. אַרום אַ גרויסן גאָרטן, פויגל מכל המינים און חיות. ס'איז ווי אַ שטילער גוט־באַזיץ. אַלע שפּאַצירן רואיק, שטיל. יעדער איז פאַרנומען מיט זיך אַליין. מען באַגריסט זיך און מ'גייט ווייטער. אַזוי מענטש, חיה און פויגל. פיר פון די טויטע און פאַרוואונדעטע וועלן מיר באַצייכענען מיט די נעמען: אַלף, בית, גימל, דלד).

אַלף: (דערזעענדיק בית, כאַפּן זיך אַרום. פון ווייטן קומט אָן גימל).

אַלף און בית: אָן קומט אָן גימל. (מען באַגריסט זיך).

אַלף: דאַנקען גאָט מיר זיינען ניצל געוואָרן פון אַ סיבה.

בית: יאָ, אַזאַ שרעקלעכער אויפרייס, אַזויפיל דערהרגעטע!

גימל: וואָס זייט איר אַזוי בלאַס? איר האָט געמוזט אַ סך בלוט פאַרלירן.

אַלף און בית: און דו ביזט אויך אַזוי בלאַס! אַ — — —

גימל: (קוקט זיי אָן מיט וואונדער): חברים, ס'איז דאָ עפּעס ניט גלאַט, ניט גלאַט מיט אונז — — —

אַלף: וואָס מיינסטו ניט גלאַט, חבר גימל? וואָס — — —

גימל: מיר זיינען דאָך שטאַרק פאַרוואונדעט געווען; מיר זיינען דאָך געווען שטאַרק באַנדאַזשירט! אַ, ניט? — —

בית: יאָ, איך פיל זיך גאַנץ גוט, איך פיל גאָר ניט קיין יסורים.. מיין קאָפּ... (טאַפּט זיך די קאָפּ).

אַלף: ניטאָ קיין באַנדאַזשן, ניטאָ קיין וואונדן—ניטאָ — — —

גימל: ניטאָ קיין וואונדן, רואיק בין איך...

בית: און פרעמד איז מיר די שטילקייט. אַלע אַזוי רואיק. קוקט נאָר, דער לייב גייט זייט־ביי־זייט מיטן שעפעלע; דער וואָלף שטייט רואיק לעבן ציגעלע...

אַלף: (טאַפּט אָן גימלען): ביזט אַזוי קאַלט, גימל!

גימל: (טאַפּט אָן אַלפן): ביזט אויך אַזוי קאַלט, אַ!

בית: (קוקט אויף זיי פאַרוואונדערט): מיר זיינען דאָך טויט. טויט זיינען מיר! (ער גיט אַ שוידער).

אַלף: וואָס פאַלט דיר איין? דאָך די שטילקייט, די רואיקייט! קיינע שמערצן. עס ווילט זיך גאָרניט—ניט עסן, ניט טרינקען.

בית: מיר זיינען טויט, זאָג איך אייך! (ער ווייזט אָן מיטן פינגער): און אָן גייט דאָרטן דלד. ער איז דאָך געהאַרגעט געוואָרן. יאָ, איך אַליין האָב געזען אים צעריסן, אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס.

גימל: מיר זיינען טויט! מיר זיינען אויפן עולם־האמת!

אַלף: אויב אַזוי, וואו זיינען מיר? געוויס ניט אין גיהנם! ס'איז ניטאָ...

בית: מען וועט שוין אונז באַצאָלן פאַר אַלץ; אָ וועט מען באַצאָלן — — —

(זיי גייען אַריין אין אַ ריין, ציכטיק צימער, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. ס'זיינען דאָרטן דאָ אַ סך פרויען און מענער, יונגע און אַלטע. די שוויגן, שוויגן ווי אַלע אַנדערע שוויגן דאָרטן. אַלף גייט אַרום און באַקוקט אַלעמען אין פּנים, ווי ער וואָלט געזוכט עמיצן, נאָר ער קערט זיך צוריק צו בית און גימל).

אַלף: לאָמיר אַרומטראַכטן ווען האָבן מיר שלעכטס געטאָן? ווען האָבן מיר באַליידיקט?

בית: יאָ, חברים, איך האָב געזען דלד מיר האָבן זייער, זייער ניט פיין געהאַנדלט קעגן אים ; זייער— — — —

אַלף: איך האָב דיר געזאָגט, בית, אַז מיר האָבן קעגן אים אַ פאַרברעכן באַגאַנגען. מיר האָבן אים דערנידערט; מיר האָבן אים ווי געטאָן! איר האָט מיר איינגערעדט, צונעמען פון אים אומזיסטע געלט!...

בית: ער האָט געגנוג געהאַט. ער האָט — — —

אַלף: ניין, ס'איז ניט ריכטיק: מיר האָבן מיט אים אָפּגעמאַכט, אַ תנאי געטאָן, איר האָט מיר איינגערעדט, מיר האָבן אים באַליידיקט!... באַליידיקט האָבן מיר אים!...

בית: זוכט ניט אַרויסצוואַרפן אַלעס אויף מיר; ס'איז אייך צונוץ געקומען די עטלעכע טאָלער. יאָ, איר האָט זיך געקויפט אונטערוועש און אַנדערע זאַכן...

אַלף: גלויבט מיר, דער געוויסן האָט מיך געפּלאָגט, נאָר מיין ווייב האָט מיר צוגערעדט: ס'מאַכט ניט; ער האָט גענוג... איך האָב פאַרלאָרן דורך דעם זיין פריינדשאַפט; אַ ווינקל, וואו איך האָב געקענט מיט אים שמועסן. עך, עך, ווי ס'האָט מיך פאַרדראָסן... ער ווייכט, ער ווייכט מיר אויס. ס'האָט באמת מיר ווי געטאָן. געהאַנדלט מיט אים; דאָך אַמאָל געמאַכט אַ פּאָר טאָלער פון אים. איבער אייך—יאָ, איבער אייך!... פריינט בית.

גימל: ער איז אַ וואוילער מענטש. יאָ, פריינט בית: איר זייט אומגערעכט קעגן אים. איר געדענקט ווען איך האָב מיט אים געשמועסט, און ער איז אַריין, ווי איר זייט שטיין געבליבן בלייך, דערשראָקן. איר האָט ניט געוואָלט ער זאָל וויסן, אַז איך קוק איבער אייער בוכהאַלטונג. איר האָט גענומען אומזיסטע געלט; איך ווייס, אייך האָט ניט געקומט. ס'איז ניט געווען סוחריש'מעסיק! ניט יושרדיק!

אַלף: אַוודאי ניט, פריינט בית. איר, איר האָט דאָס אויפגעבויט. איר האָט דאָס מיט מיר איינגעטענהט. ער האָט אייך קיין שלעכטס ניט געטאָן; ער האָט אייך אויף זעקס, אַכט חדשים חובות געוואַרט; ער האָט אין צייט פון קריזיס אייך אַזוי פיל געהאָלפן. איר ווייסט דאָס אַליין... יאָ.

גימל: איך בין איינשטימיק מיט פריינט אַלף. איר האָט זיך פאַרמיאוסט מיט די עטלעכע טאָלער; איר זייט צו גייציק פאַר געלט. איר האָט געהאַנדלט מיט אים. ער האָט זיין רווח מיט אייך געשניטן. איר האָט אויסגענוצט פאַר אייך— זיך צו אַדווערטייזן אויף זיין רעכענונג... איר האָט מיר איינגערעדט צו שרייבן בריוולעך צו די קונים קעגן אים. איר האָט איינגערעדט פריינט אַלף, ער זאָל אייך שרייבן בריוועלעך. מיר האָבן אַ גרויסן חטא קעגן דלד'ן באַגאַנגען. מיר'ן דאַרפן אַ גרויסן חוב באַצאָלן פאַר דעם. מיר וועלן אַ חוב צאָלן—און צאָלן מיט גרויסע פּראָצענטן... מיר פאַרדריסט וואָס איך האָב רכילות־בריף געשריבן קעגן אים. דער פייער פון אייפערזוכט, ווייל ער גייט אָן מיט זיינע אידעאַלן; ווייל ער

גייט אָן מיט זיין אַרבעט, הגם ס'איז שרעקלעך יקרות... אַלע געשעפטן, אַלטע און עטאַבלירטע—קיין שריד־ופּליט איז פון זיי ניט געבליבן—ער גייט אָן. פאַר־צווייגט מיט גאָר דער וועלט, און אַלץ אַליין. דאָס דאַרף מען גבורה, דאָ ליגט מלאכה ביד חזקה!...

אַלף: איך פיל זיך קליין קעגן אים; איך האָב אים געוואָלט צעדרייען זיינע געדאַנקען—און אויך צוליב איך. איך ווייס אַלע מאָל טרעט איר אַרויס קעגן אים. איך ווייס ניט וואָרום—וועד ווייסט אייער טענדענץ? איך בין אַ שוואַך מענטשל, ניט קיין איבערגעשפּיצטער, און דערצו די נויט, מיין שוואַכקייט, און די ווייב, אַז זי דערזעט די גרינע פּאַפּירלעך, הויבט איר אָן צו ציטערן הענט און פיס—הענט און פיס...

גימל: אמת, חבר בית, מיר האָבן זיך אָנגענומען פאַר אייך, ווען ער האָט אייך געגעבן דעם דרך, ווען ער האָט מיט אייך ניט געוואָלט צו טאָן האָבן; ווען איר האָט פון זיין טישקעסטל אַרויסגעגנבעט אַלע בילס, ווייסט איר? ער האָט אייך געקענט אָנקלאָגן פאַר גנבה. ווייסט איר, וואָס ער האָט פאַרזען? ער האָט פאַר אייך געהאַט אַ שיינעם פּלאַץ אין חד־גדיא... איך האָב דאָס אים ניט געזאָגט. איר האָט נאָך זיין אָפּזאָגן אייך, אייך און חבר אַלף, אַרויס און אים באַרעדט פאַר אַלעמען, אַז איר רעזיגנירט. איר ווייסט, אַז ער האָט אייך אַרויסגעוואָרפן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אייך אויסגעלאָזן פון אייער מיטהילף; ער וויל מיט אייך מער ניט צו טאָן האָבן. איר ווייסט, אַז דאָס געשעפט אונטער זיין פירערשאַפט איז געוואָרן בעסער, שענער, רייכער. איר קענט עס ניט אָפּלייקענען...

אַלף: עס טוט מיר באמת לייד, וואָס איך האָב אייך געפּאָלגט, וואָס איך האָב זיך געלאָזן פון אייך איינריידן. חבר גימל האָט רעכט: איר זייט אַ געלט־גייציקער; איר גיט קיינעם קיין פּעני ניט; איר גיט פאַר קיין אינסטיטוציע גאָרניט, ניט פאַר די פּליטים, ניט פאַר ארץ־ישראל. אפשר האָט איר וואָס אריינגעוואָרפן פאַר ארץ־ישראל, אפשר? איז צוליב יוצא זיין פאַר די אונזעריקע חברים, וואָס גיבן אייך צו פאַרדינען. מילא איך, ווייסן אַלע, איך האָב גאָרנישט! מיין טעות, ווען איך וואָלט ניט גענומען פון אים די אומזיסטע געלט, וואָלט איך צען מאָל אַזויפיל פון אים געקראָגן.

בית: אפשר בין איך געווען אומגערעכט?!

גימל: הע, איר האָט געהערט, חבר אַלף, ער זאָגט, אפשר? ס'איז ניט נאָר אפשר, נאָר אמת! אין אייך ליגט פאַרדאָרבנקייט; איר האָט אים גערדאַרפט אָפּצאָלן גוט, וואָס ער האָט פאַר אייך געטאָן! ווי קומט צו אייך זיין אַ פּאַרוואָלטער? ווי וואָגט איר זיך אַרויפשטעלן אויפן שילד: „פּאַרוואָלטער"? איר ווייסט, איר זייט אַ קנאַפּער מבין וועגן קונסט־געשעפט, הגם איר האַנדלט מיט דעם מין...

די סצענע בייט זיך. עס קלינגט אַ גלאָק, און אַלע גייען אַריין אין גרויסן זאַל. מלאכים ווייזן זיך ביי די טירן אַלס וועכטער און וועגווייזער. אַלף, בית און גימל זיינען אויך אַריין און זיך צוזעצט. אויפן כסא המשפט איז געזעסן אַ מלאך אין קלאָר שניי־ווייס אָנגעטאָן. ביי די זייטן האָבן געברענט צווי שוואַרצע ליכט. דער פּראָקוראָר־מלאך, אָנגעטאָן אין אַ רויטן מאַנטל, אין אַ בלויער יאַרמלקע. די ברעגן פון טיש זיינען געווען באַצויגן מיט גאָלד. גרויסע דיקע ביכער. אַנדערע מיט שוואַרצן איינבונד און אַנדערע אין קלאָר־ווייסן לייוונט. צוויי שרייבער פון ביידע זייטן

מיט גרויסע געגנדזענע פעדערן אין די הענט, און אַלץ פאַרשרייבן זיי, ווען דער משפט גייט אָן.

פּראָקוראָר: (רופט אויס): זיינען דאָ אַלף, בית און גימל? זאָלן זיי צוקומען. זאָלן זיי זיך שטעלן צום משפט. זיי האָבן קעגן זיך שווערע קלאָגן!

(אַלף, בית און גימל גייען צו און שטעלן זיך קעגן שופט).

פּראָקוראָר: ווער איז אַלף, ווער איז בית, און ווער איז גימל?

אַלף: (שטעלט זיך אין פראָנט): איך בין אַלף.

בית: איך בין בית.

גימל: איך בין גימל.

פּראָקוראָר: איר זייט באַגאַנגען אַ גרויסע זינד קעגן אייערן אַ חבר.

אַלף: ס'איז אמת, איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע זינד. איך האָב אים אַ גרויסע רעה געטאָן און זיך נאָך אַ גרעסערע רעה געטאָן. דער איינפלוס, די השפּעה אויף מיר איז געווען חבר בית. ער האָט געזוכט אימער צו דערנידעריקן דלדן. איך ווייס ניט פאַרוואָס. ער האָט נאָר געזוכט צו קאָמפּראָמעטירן דלדן.

גימל: ס'איז אמת, גרויסער שופט. ער האָט מיך אויך איינגערעדט צו שרייבן בריוולעך צו זיינע חברים, זיינע באַטייליקער, צו קאָמפּראָמיטירן דלדן אין זיין געשעפט.

פּראָקוראָר: ווייסטו וואָס רכילות ברענגט? ווייסטו אַז רכילות ברענגט צו אַלע צרות אויף דער ערד? מלחמות, פאַמיליע־לעבנס ווערן צעבראָכן, צעריסן.. פיינטשאַפט פון מענטש צו מענטש, גייציקייט!

גימל: אמת, אמת, הער פּראָקוראָר. איך זע אין דעם חבר בית ליגט דער טייוול; ער קריכט שטילינקערהייט אין די געדערים אַריין...

אַלף: מיר האָט ער איינגערעדט, איינגעדברט, כ'זאָל אים איבערלאָזן אין מיטן; מיר זאָלן איינרעדן, צורעדן די סוחרים, זיי זאָלן מער ניט האָבן קיין משא־ומתן מיט אים, אין זיין געשעפט. איך ווייס, אַז דלד באַזיצט די בריוו וואָס די סוחרים האָבן אים איבערגעגעבן, אַז איך, איך האָב זיי געשריבן און זיך געבעטן—ער האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון פירערשאַפט, זאָלן זיי ניט האַנדלען, ניט באַזוכן זיין געשעפט.

פּראָקוראָר: און וואָס זאָגט איר, שווייגער? אויף די באַשולדיקער, וואָס האָט איר צו זאָגן—און וואָס איז אייער פאַרטיידיקונג?

בית: איך ווייס אַליין ניט! איך בין אויף אים אייפערזוכטיק געווען, ווייל, ווייל ער איז פייאיקער פאַר מיר, ווייל ער איז רייכער פון מיר, ווייל ער קאָן אויפטאָן מער פון מיר.

פּראָקוראָר: רופט אַריין דלדן.

(דלד קומט אַריין. דערזעט די אָנגעקלאָגטע).

פּראָקוראָר: איר ווילט ברענגען די אָנקלאָגעס אויף די באַשולדיקטע?

דלד: איך, פון מיין זייט, זע זייער שטראָף אין דעם, וואָס זיי זיינען טויט... דאָס זיי וועלן שוין קיין רכילות ניט פירן... דאָס זיי וועלן דאָס בלוט מער ניט צאַפּן פון צווייטן.

פּראָקוראָר: אַ שטראָף וועלן זיי מוזן באַקומען, ווייל דאָס געזעץ פאַרלאַנגט שטראָף—אפילו ווען דער באַרויבטער, דער באַליידיקטער וויל מוחל זיין. זיי מוזן באַשטראָפט ווערן פאַר באַליידיקן, פאַר רכילות טרייבן! פאַר עגמת־נפש פאַרשאַפן!

דלד: וואָלט איר געוואָלט איך זאָל אויסטייטשן זייער כאַראַקטער, לויט מיין מיינונג?

שופט: אַנו, לאָמיר הערן!

דלד: אַלף איז תמיד אַ נפש אָן אַ רוקן־ביין, אַ טיפּש. בית איז אַ שלאַנג, אַ קמצן, אַ בעל־מקנאַניק; אפילו אַ זויפער, אַ פרעסער, אַ זולל וסובא. גימל איז נאָך ערגער פון ביתן. אין אים געפינט איר: גאווה, אַ שלאַנג, א בעל־מקנאַניק; לשון־הרע, באַרימעריי, באַליידיקונג—און ער טוט דאָס אַלץ באהבה, ווייל ער האַלט זיך פאַר אַ גדול און שטופּט זיך הויך. מיט באַליידיקן, דערנידעריקן דעם צווייטן; האָט פיינט דעם פּייאיקערן פון אים, און האָט זייער ליב כבוד און געלט. און אויב איר מוזט זיי באַשטראָפן—טוט וואָס איר ווילט!

פּראָקוראָר: (צו אַלף, בית און גימל): וואָס האָט איר צו זאָגן איידער מיר ברענגען אַרויס אייער פּסק־דין. זייט איר שולדיק אין די באַשולדיקונגען פון דעם מאַרטירער, איר פּייניקער?

(אַלף, בית און גימל קוקן זיך איבער).

אלף: איך דערקלער זיך שולדיק!

בית: איך גלויב, אַז איך בין אויך שולדיק!

גימל: איך גלויב אַז די שווערסטע שטראָף קומט ביתן, ער— — — —

שופט: (קוקט אויף זיי, באַטראַכט יעדן נאָך זיין האַלטונג און רופט זיך אָפּ): זייט איר גרייט צו הערן אייער משפּט? איך וויל אייך משפּטן נאָך די ווערטער פון אייער מאַרטירער, וואָס וויל אייך אפילו ניט אָנקלאָגן. אָבער איר זייט באַגאַנגען אַ גרויסן פאַרברעכן. איר האָט דערנידעריקט, באַליידיקט און שווער־לב אים אָנגעטאָן. און פאַר דעם קומט אייך שטראָף, און פאַר דעם משפּט איך אייך—(ער ווענדט זיך צום פּראָקוראָר): אדון פּראָקוראָר: וועמען, נאָך אייער מיינונג, קומט אַזויפיל און אַזויפיל פאַר זיין חטא? גיט אַרויס אייער מיינונג, וועל איך זיי משפּטן.

פּראָקוראָר: לויט מיין מיינונג און די מיינונג פון דעם ליידענדן, פאַר זיין שווער לב, איז ווי פאָלגט: אַלף, דער ניט־קלוגער, דער ניט גרויסער חכם, אָדער ווי דלד רופט אים: אַ חמור, אַ טיפּש, זאָל אָפּקומען מיט קליינעם שטראָף. בית איז אַ שלאַנג, אַ ווערימדיקער מענטש. ער דאַרף קריגן אַ שווערע שטראָף. גימל איז שוין גאָר פון אַן אַנדער קאַליבער; ער האַלט זיך פאַר אַ חכם, אַ קענער; ער ווייסט וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט אויסגעניצט און זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט צו באַשמוצן דלדן. ער האָט גוט געהאַט אין זיבעץ זיין אַרבעט, ווייל ער האַלט זיך פאַר העכער, פאַר מער אינטעליגענט, מער חכם, מער קענער. און צו זיינע בריוועלעך וועט מען זיך גוט צוהערן, ווייל אויב אַ סוחר דערהאַלט זיין אַ כתב־יד, באַ'מוח'ט ער זיין בריוו און ער הערט זיך צו גיכער צו זיין לשון, צו זיין וואָרט, מער ווי פון די אַנדערע צוויי. ער דאַרף קריגן אַ האַרבן פּסק־דין, אדון־שופט! אַ שווערע שטראָף! . .

שופט: (קוקט אויף זיי): צושטעלט זיך אין ריי, איינער צום צווייטן, און הערט מיין פּסק־דין. דאָס וועט נאָך מיין מיינונג זיין נאָך מיט רחמים... דו, אַלף, זאָלסט טראָגן די הייסע אייזנס, וואָס מען וועט ברענגען דעם שלאַנג בית. און דיך, בית, זאָל מען פינף יאָרן ברענען דיין מוח און דיין צונג, אַז ס'זאָל זיך אין דיר גוט איינקריצן אין מוח און אין צונג, אַז שלעכטע געדאַנקען און רכילות וועסטו אויף אייביק פאַרגעסן. און דיך, גימל: דערזעלבער עונש—נאָר פאַר גאַנצע הונדערט יאָר... ווייל אין דיר ליגט האַס און בייזוויליקייט און דיין שכלדיקער מוח וועט לאַנג, זייער לאַנג נעמען אויסצוברענען דיינע גאוהדיקע תחבולות . . . נעמט זיי צו!

(גלייך דינען אַריינגעלאָפן צוויי שוואַרצע, גלאַנציקע, ווי פון שטאָל אויס־געגאָסטענע שרים, און זיי אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעפירט אין גיהנם אַריין)...

(געשריבן אין 1946).

צוריק אַהיים

צייט און האַנדלונג: 1910־1911, אין אַ גרעסערע שטאָט אין רוסלאַנד.

(געשריבן אין 1910)

די בינע: אַ גרויסער זאַל, מיט טייערע מעבל, וואָס ווייזט אַז די הויז איז אַמאָל זייער רייך געווען; אַ פּיאַנאָ, אַ בוך־שראַנק מיט ביכער, אַלערליי סטאַטועטקעס אויף מאַרמעלנע טישלעך; אַ דיוואַן און ווייכע שטולן; צוויי טירן פון די זייטן, איין טיר אַקעגן, פענסטער אַרום און אַרום; אַ גרויסער בליצלאָמפּ מיט קרישטאָלענע גלעזלעך. אויך צוויי טישלעך ביי די זייטן ברענען קליינע לעמפּעלעך.

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

פּאָטער: אַ געשעפטסמאַן — 70 יאָר אַלט, קליינגעוויקסיק.
יאַשאַ: זון—געקומען פון אַמעריקע. אַ יאָר 25. הויך, אינטעליגענט.
מוטער: אַ יאָר 68, אַ שוו…בע.
לייצע: זייער טאָכטער, אַן אַלמנה. אַ יאָר 40. אַ שיינע.
סאָניע: אַ סטודענטקע, 20 יאָר אַלט.
מאָיסעיעף: אַן אַרויפגייער צו סאָניען.
רבקה: איר ייִנגערע שוועסטער. 16 יאָר אַלט, קוקט אויס עלטער.

פּאָטער: וואָס־זשע? און אַזוי ווילסטו טאַקע לעבן? פּריש, געזונט און משוגע!

זון: ניין, פּאָטער, ניט משוגע, נאָר קלאָר! שטאַרק אין קערפּער, שטאַרק אין פאַרשטאַנד...

פּאָטער: שוין טויזנטער …ערן ווי מיר פירן זיך אַזוי און דאָך איז פאַראַן אַזויפיל גוטע מענטשן, איידעלע גוטהאַרציקע, וואָס גיבן צדקה—און עסן פלייש.

זון: ניין, פּאָטער, די וואָס …יבן צדקה, אָפטמאָל זיינען ניט גאָר די גוטע, ווייל דאָס געלט וואָס זיי גיבן פאַר אָ…ימע אָדער קראַנקע, זיינען פון עקספּלאָטאַטאָרס. יאָ, פּאָטער, זיי רויבן פון אונז הונדערטער און גיבן אונז קאָפּיקעס. אָט־דאָס זיינען אונזערע פילאַנטראָפּן, בעלי־צדקה׳ניקעס.

פּאָטער: נו, און ווען זיי גיבן ניט? זאָג אַליין—וואו וואָלטן זיך אַהינגעטאָן די אַלע אָרימע, יתומים? וואו וואָלטן זיי געלערנט? וואו וואָלטן זיי אַ בגד גע־נומען? וואו וואָלטן זיי אַ שוך געגומען, זייער באָרוועסע פיסלעך צו באַשיצן? אַזוי, מיין קינד, איז די וועלט. וואָס פאַר אַ טעם וואָלט די וועלט געהאַט ווען קיין רייכע און קיין אָרימע וואָלטן ניט געווען? דאָס וואָלט האָבן אַ טעם ווי ברויט מיט ברויט...

זון: ברויט מיט ברויט איז געזינטער און נאַטירלעכער ווי ברויט מיט פליישן.

פּאָטער: ווערסטו דען איבערמאַכן די וועלט? איר זייט אַזאַ קליין הייפעלע קעגן הונדערטער מיליאָנען.

זון: דו גלויבסט ניט אין דער צייט, פּאָטער?! נייע צייטן, נייע צורות. קוק, פּאָטער, איצט קעניגער ציטערן אויף זייערע טראָנען. די אָנפאַנגער פון די רעוואָלוציאָנערן זיינען אויך געווען אַ קליין הייפעלע; מען האָט אויך זייערע אידייען פאַר משוגענע טרוימען אָנגענומען; זיי האָבן זייער לעבן פאַרן אידעאַל אָפּגעגעבן. מיר אָבער, פּאָטער, זאָגן פאַרקערט: מיר ווילן ניט אונזער לעבן

אָוועקגעבן און יענעמס אויכעט נישט געמען. אונזערע אידייען זיינען העכערע, שענערע און איידעלערע. אונזער אידעאַל איז דער אמתער אין לעבן. אַגב, פּאָטער, קענסטו אַפּלייקענען די ווערטער וואָס ישעיה האָט געזאָגט: "ויהי באחרית הימים"—אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן וועלף מיט שעפּסן זיך פּאַשען צוזאַמען; אַ לעמפּערט מיט אַ קעלבעלע, און אַ קליין קינד וועט זיי פּיטערן.

פּאָטער: איך זע, מיין קינד, אַז עפּעס איז אין דיר. ס'האָט שיינעס, העכערעס. און וויבאַלד דו ו'עדסט שוין תורה-ווערטער, טאָ וואָרום האַלסטו פון אַלעס און פון יידישקייט נישט?

זון: פּאָטער, איך נעם נאָר אַרויס פון תנ"ך די שענערע געדאַנקען פון ליבע און אמת, פון בלוטלאָזע געדאַנקען. איך וועל גלויבן אין דעם „לא תרצח", און וועל ניט גלויבן אין „עין תחת עין". איך גלויב אין יעדן שיינעם געדאַנק, אין יעדן אמתן געדאַנק, וואָס רעדט מיט ליבע—אָן האַס!...

פּאָטער: זאָג, מיין זון, איז אין אַמעריקע פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי דו?

זון: ניין, פּאָטער, ניט איבעריקס פיל. נאָר ס'איז פאַראַן גענוג, אַזויפיל, צו צייגן דער וועלט אַז מען קען לעבן אויף נאַטירלעכע שפּייזן און זיין בעסער און שטאַרקער ווי יענע, וואָס עסן פליישׁ. (סאָניע דערשיינט).

סאָניע: זיידעניו, די באָבעניו רופט אייך עסן. (דער אַלטער פאַרלאָזט דאָס צימער, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדויערן זיין זון).

סאָניע: נו, אָנקל, וועט איר מיר ווידער עפּעס דערציילן פון אַמעריקע? ס'איז מיר אַזוי אנגענעם צו הערן, עפּעס אַזוינע וואונדערלעכע זאַכן. אַנו לערנט מיר אויס נאָך אַ פּאָר ענגלישע ווערטער. איר ווייסט וויפיל ווערטער איך קען שוין? פינף ווערטער!

זון: אַנו, לאָמיך הערן וואָס דו קענסט.

סאָניע: דאָס ערשטע איז „אָנקל", דאָס צווייטע איז „ענטי", דאָס דריטע: „סיסטער", דאָס פערטע: „בראָדער" דאָס פינפטע:—(פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט פאַרגעסן, דערמאָנט זיך): שיער פאַרגעסן, דאָס בעסטע: „סוויטהאַרט"! אַזוי, אָנקל? קען איך? ניט פאַרגעסן?

זון: קיין וואונדער איז גאָר ניטאָ! וואו עס איז וואונדער איז געפאַר. יע, סאָניעלע, פאַר מיידלעך איז גאָר ניט אַזוי גוט אַמעריקע. דאָרטן וואָלסטו אַזוינע בליענדע בעקעלעך ניט געהאַט. טאָמער וואָלסטו געהאַט, וואָלט עס געוועזן אָנ־געפּאַרבטע, אָנגעפּודערטע . . .

סאָניע: וואָרום ניט, אָנקל? ווער וואָלט זיי ביי מיר אַראָפּגעגנבעט?

זון: דער שאָפּ וואָלט ביי דיר דיין בליאונג אַראָפּגעפּליקט, ווי עס פּליקט אַראָפּ ביי אַנדערע מיידלעך.

סאָניע: אָנקל, וואָרום גאָלסטו דיינע וואָנצן? דו קוקסט אויס ווי אַ פּויליי־שער גלח.

זון: אַזוי פירט מען זיך אין אַמעריקע. דאָרטן גאָלט מען דאָס לעבן אויך...

סאָניע: ביזט דאָרטן אין גאַנצן פיר יאָר געוועזן און קענסט שוין אַזוי גוט ענגליש. מיר דוכט איך וואָלט קיינמאָל ניט געקענט אַזוי גיך ווי דו קענסט.

זון: דאָס דוכט זיך דיר נאָר. איך האָב אויך געדענקט, אַז איך וועל קיינמאָל ענגליש ניט קענען. אָבער איך קען ניט אַזוי גוט ווי דו מיינסט. (שווייגן).

סאָניע: וואָלסט נאָר וויסן ווי איך האָב נאָך דיר געבענקט, אָנקל. (לאָזט אַראָפּ די קאָפּ).

זון: (פאַרדעכטיקט): אַזוי גאָר? אַנו, הויב אויף דיין קעפּעלע. (הויבט איר

אויף דעם קאָפּ):ווירקלעך, שוין אַ גרויסע מיידל. איך האָב דאָס גאָר פריער ניט באַמערקט. ווער איז עלטער, דו אָדער רבקה?

סאָניע: איך, איך בין עלטער פון אַלעמען, געוויס!...

זון: און ווען ענדיקסטו דיין שטודיום?

סאָניע: שוין געענדיקט! און האָב שוין מיין אַטעסטאַט באַקומען. טאַקע, אַט ערשט... (ווייזט אים).

זון: (נעמט און לייענט פאַר זיך): גאָר אַן אַקושערקע? אַבי איך האָב געמיינט אַז דו לערנסט זיך פאַר אַ דענטיסטין? אויב ..זוי גראַטוליר איך דיר.

סאָניע: אַנקל, און אַ פּרעזענט? (שטיפעריש): ווייסט, אַנקל, איך ווער אין אַ מאָנאַט אַרום צוואַנציק יאָר אַלט... דער זיידע האָט געזאָגט, ער וועט מאַכן צו מיין 20 יאָר, אַ געבורט־פּעסט. דאַן וויל איך אַז דיין פּרעזענט זאָל איבערשטייגן אַלעמענס. ווערסטו דאָס טאָן, אַנקל?

זון: וואָס, צום ביישפּיל, פאַר אַ פּרעזענט פאַרלאַנגסטו?

סאָניע: דאָס פאַרלאָז איך זיך אויף דיר. ברענג, אַז זאָל אַלעס איבער־שטייגן—אַלעס און אַלעמענס.

זון: ווארום נאָר מיינע זאָל איבערשטייגן?

סאָניע: ווייל דו ביזט דער געלערנטסטער אין אונזער משפּחה; דער קליגסטער. זאָג, אַנקל, מיט וואָס האָסטו זיך באַשעפטיקט אין אַמעריקע? האָסט געמוזט דאָרטן זיין אַ שרייבער אין אַ באַנק, ניט אמת, אַנקל?

זון: (טרויעריק לאַכט שמערצלעך): איך בין קיין שרייבער דאָרט ניט געווען, נאָר אַ טרייבער...

סאָניע: וואָס הייסט אַ טרייבער? וואָס האָסטו געטריבן?

זון: אַ מאַשינקע! דאָרטן רופט מען דאָס אַ „קאַטערינקע"!... אַ ניי־מאַשין!...

סאָניע: האָסט דאָך געענדיקט דאָ אַכט קלאַסן גימנאַזיע. ביזט דאָך דאָרטן געפאָרן ווייטער שטודירן, פאַר עפּעס העכערעס!...

זון: דאָרטן... כ'מיין, אַמעריקע, איז אַ לאַנד פאַר היימישע פורמאַנעס, שוס־טער שניידער אָבער זעלטן פאַר די געבילדעטע!...

סאָניע: (פאַרוואונדערט): אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט אַז דאָרט האָט מען מער דרך־ארץ פאַר די געלערנטע און געבילדעטע.

זון: האָסט געקענט הירשל דעם סטאָליער? ביי אונז אין דער היים, וועלכער האָט ביי אונז געמאַכט די פּריזבעס, און האָט זיי אפילו גוט ניט געקענט מאַכן. געדענקסט, מ'האָט אים פון געלאַכט? אַזאַ פאָרט נאָך אַמעריקע—אַזאַ גולם!...

סאָניע: יע, יע; נו, נו, געוויס געדענק איך! שוין אַכט יאָר באַלד, פסח ווערט אַכט יאָר. נו, נו, איז וואָס פאַר אַ וואונדער איז געשען?

זון: איז געוואָרן אַ דאָקטאָר אין אַמעריקע!

סאָניע: אַ דאָק־ט־ער! . . .

זון: אַ דאָקטער! אַזוי, אַ דאָקטער, ניט אַ דאָ־קט־ער.

סאָניע: ווי אַזוי? ווי קען מען דאָס ווערן אַ דאָקטער? ער איז דאָך געווען אַזאַ אידיאָט דאָ, האָט אפילו ניט געקענט אַ „צלם" מאַכן...

זון: פרעג ניט, ס'איז אַמעריקע. דער וואָס פאָרט דאָ, גייט דאָרטן צופוס; און דער וואָס גייט דאָ צופוס, פאָרט דאָרטן אין אויטאָמאָבילן... ער איז געוואָרן אַ דאָקטער, און איך אַ שניידער...

סאָניע: איך זאָג דיר, ער וועט נישט קענען היילן קיין קראַנקע! . . .

זון: וועט ער פאַרשטיין אַ קרענק!... און וועט געלט נעמען...

סאָניע: אָרימער אָנקל, דיר האָט דאָס געמוזט שטאַרק ווי טאָן. טאָ פאַרוואָס ביזטו גלייך צוריק ניט געקומען? דאָ וואָלסטו דאָך אַ בוכהאַלטער געווען. און אפשר וואָלט דער זיידע דיך דאָ געשיקט אין אוניווערזיטעט! און מיט דיין גרויסע פעאיקייט וואָלסטו געוואָרן אַן אַדוואָקאַט.

זון: דאָס איז געווען מיין חלום. איך האָב דאָ אין אוניווערזיטעט ניט געקענט אַריין, ווייל איך בין אַ ייד. דער גליקלעכער פון דער קליינער צאָל, וואָס מען פלעגט אַריינלאָזן, זיינען געווען רייכערע פון אונז. און איך האָב מיין חלום און מיין האָפנונג אויף אַמעריקע געלייגט. דאָרטן, האָב איך געטראַכט, וועל איך קומען צו דעם, וואָס איך האָב אין מיין געבורטלאַנד נישט געקענט קומען. אָבער מיין ענטוישונג איז געווען אַ שרעקלעכע. אָרעם צו זיין איז שלעכט אומעטום. דאָרטן, אין אַמעריקע, איז דער דאָלער העכער און מעכטיקער ווי די פייאיקייטן פון אַ מענטשן...

סאָניע: האָסטו געמוזט אַזוי שרעקלעך ליידן דאָרטן?

זון: אַלץ הייסט ליידן! צוויי יאָר האָט מיר געדויערט צוזאַמענקלייבן אויף הוצאות צוריקצופאָרן. פאַר זיי האָב איך ניט געטויגט. די הענט זיינען צו ווייס; צו לאַנגע פינגער. „אייך פאַסט צו זיין אַ שרייבער"—האָט מיר דער באָס געזאָגט. „איר האָט שרייבער־פינגער און ניט קיין אַרבעטער־פינגער." די הענט האָבן געציטערט פון הונגער, און מען הייסט גיין אַהיים. און וואו איז מיין היים? ווי אַ הונט האָב איך זיך געוואַלגערט אויף אַ וואָגן לעבן אַ ברעג פון ריווער. איך האָב פיל מאָל געוואָלט מאַכן מיין בעט אין דעם נאַסן וואַסער... נאָר דאָס האַרץ האָט מיך אָפּגעהאַלטן: טו ניט! ביזט נאָך יונג, האָסט נאָך פון גליק ניט געגעסן. דאָס גליק וואַרט פאַר דיר. האָב נאָר אַביסעלע געדולד. דאָס גליק האָט זיך ליב תמיד אָנצורייצן ביז ער לאָזט זיך נעמען... און דער געדאַנק האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון זעלבסטמאָרד.

(רבקה, לייצע, מאַיסעיעף, דער אַלטער מיט דער אַלטע קומען אַריין).

פאָטער: איך האָב געזאָגט, אַז ער איז דאָ! (צו סאָניען): וואָס־זשע, ער וויל דיך אויך מאַכן פאַר אַ וועגעטאַריאַנערין?...

סאָניע: פאַר אַ וואָס, האָט איר געזאָגט, זיידע?

פאָטער: פרעג אים ער וועט שוין דיר זאָגן. ער האָט דאָס „פאַרמעגן" געבראַכט פון אַמעריקע.

סאָניע: זיידע, האָט ער דאָרטן ווייניק געליטן? צוליב וואָס ערגערן אים? (צו יאַשאַן): וואָס האָט ער געזאָגט, דער זיידע? ווי רופט ער דיין פאַרמעגן?

זון: דורך גרויסע און שווערע אומרעכטן האָב איך ווירקלעך געבראַכט אַ שטיק פאַרמעגן פון דאָס גאָלדענע לאַנד.

סאָניע: וואָס איז דאָס אַזוינס? ווי הייסט דיין ווערטפולע זאַך?

זון: צו דיין געבורט־פאַרטי וועט דאָס זיין מיין מתנה. צופרידן?

סאָניע: צופרידן; זיידע, אַט האָסטו. (דערלאַנגט אים דעם אַטעסטאַט).

פאָטער: וואָס איז דאָס? (טוט אָן די ברילן).

סאָניע: לייען, וועסטו וויסן!

פאָטער: (לייענט און וואונדערט זיך): אַי, אַי, אַזאַ קאָפּ מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל!...

זון: מאַמע, איך בין זייער מיד. איך וואָלט זיך וועלן אויסרוען. די שווערע נסיעה האָט מיך צעבראָכן מיד און שלעפעריק געמאַכט.

מוטער: מיר פאַר דיר. הערסט אַ מעשה. קום, איך וועל דיר מאַכן אַ

געלעגער ווי פּאַר אַ מלך. קום מיין איינציק זונעלע וואָס איך פאַרמאָג.

זון: אַ גוטע נאַכט, טאַטע, אַ גוטע נאַכט אייך אַלעמען. (מוטער און זון אָפּ).

רבקה: דער פעטער יאשא האָט היינט געוויינט. איך בין געשטאַנען ביים טיר און האָב אַלעס צוגעזען; האָט געוויינט און געקושט די פּאַדלאָגע און דעם שוועל וואו ער האָט איבערגעטראָטן. איך האָב אים אַזוי ליב...

סאָניע: שוין, האָסט זיך אין אים פאַרליבט? ליבסט אים שטאַרק? (לאכט): נו, וואָס זאָגסטו אויף איר, מאַמע?

רבקה: איך האָב אים ליב! דו האָסט אים דען פיינט?

סאָניע: (רויטלט זיך): נו איז וואָס? געוויס! ער איז דאָך אַן אַנקל, פאַרוואָס זאָל איך אים ניט ליב האָבן?

רבקה: און מיר איז ער ניט דאָס זעלבע וואָס דיר?

לייצע: געוויס,ביידן גלייך—און ליבט אים ביידע.

סאָניע: (קוקט מיט אייפערזוכט אויף רבקהן): און מיר איז ער ניט דאָס זעלבע וואָס דיר?

פּאָטער: פיר יאָר אָפּגעווען אין אַזאַ גאָלדן לאַנד, וואו יעדער ווערט רייך, וואו יעדער גאָרנישט, וואו יעדער שוסטער קומט אַראָפּ מיט טויזנטער! און ער, גאָרניט מיט גאָרניט; אַ שטיק טויגעניכטס!... אַ פוילער מסתמא געווען; ניט געוואָלט אַרבעטן; האָט געמיינט, אַז ער איז אין דער היים, אויפן טאַטנס קאַרק... געקומען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, און ווער ווייסט וואָס נאָך...

סאָניע: זיידע, איר דאַרפט זיך פרייען וואָס ער איז געקומען אַ לעבעדיקער. וואָס ווייסט איר, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעליטן. דאָס האַרץ ווערט צוריסן הערנדיק. אָ, זיידע, רעדט ניט קיין שלעכטס. ער איז אַ גוטער אַנקל, יאַשאַ!

פּאָטער: שוין געוואָרן אַן אַמעריקאַנקע? ווילסט שוין קיין יידיש ניט ריידן? זי רופט שוין אים מיטן אַמעריקאַנישן נאָמען—אַמעריקאַנקע מיינע!...

סאָניע: (רעדט פאַר זיך, צי זי האָט ניט פאַרגעסן): אַנקל, ענטי, סיסטער, בראָדער. (שטעלט זיך אָפּ. טראַכט, דערמאָנט זיך מיט פרייד, שרייט אויס): „סוויט-האַרט"!

רבקה: דאָס איז אויך ענגליש? זע, זיידע, זי קען דאָך שוין ענגליש!

מאָיסעיעף: די פריילין קען שוין ענגליש! אַ פיינער ענגליש! ווער האָט אייך אַזוי גיך אויסגעלערנט, סאָניע?

סאָניע: וואָס־זשע, קענט איר בעסער? רק איר זוכט מיך צו באַליידיקן, שטעכן!

מאָאָיסעיעף: איר וועט באַלד קענען לייענען שעקספּירן אין אָריגינאַל.

סאָניע: ניט אייער עסק! איר זייט — — — —

לייצע: שטיל זאָל זיין!

רבקה: אַלעמען באַליידיקט זי, די געלערנטע פריילין!..

סאָניע: זאָג שוין: די אַקושערקע!

רבקה: שוין זאָגן? וואַרט נאָך, ווייסט נאָך ניט!

לייצע: זי האָט שוין דעם אַטעסטאַט באַקומען. יאָ!

מאָיסעיעף: ווירקלעך? איך גראַטולירער אייך, סאָניע. (פאַרנייגט זיך).

סאָניע: (פאַרקרימט זיך מיט שפּאָט): ווירקלעך!

פּאָטער: איר זייט אַ קלוגער יונגערמאַן, מאָיסעיעף, נעמט אָן מיין עצה און פאָלגט מיך: האַלט זיך אָביסעלע קעלטער צו איר. קומט אַריין זעלטענער. איר וועט זען, זי וועט ווייכער ווערן... זי וועט אייך זוכן פאָלגט מיך!...

סאָניע: כאַ־כאַ־כאַ! איך וועל אים זוכן! אַך, זיידע, איר האָט אַ טעות!

פּאַטער: נע, נע, נע! דערציילט ניט דעם זיידן. ער רעדט פון דערפּאַרונג. דיין מאַמע איז אויך געווען אַזוי, און דיין באָבע אויך... נע, נע, נע — — —

לייצע: טאַטע, מיש זיך ניט! ניט דיין עסק. לאָז די קינדער צורו. עס פּאַסט ניט פאַר אַזאַ עלטערן מענטשן ווי דו — — — .

מאַיסעיעף: זיידע, הערט מיך אויס, איך וועל אייך וואָס דערציילן. איך האָב דאָס געלייענט:—אויף אַן אינדזל האָט געלעבט אַ פּאַסטוך, האָט געפּיטערט זיינע שאָף, האָט געזונגען, אויף זיין פייפל סערענאַדעס געשפּילט. זאָרגלאָז האָט ער ווי אַ פּאַטער זיינע שעפּסן-קינדער געהיט און געליבט, און די שעפּסן האָבן אים אויך ווי קינדער אַ פּאַטער געליבט. זיין הונט פלעגט אים לעקן און קושן און ליגן ביי זיינע פיס. אַזוי האָט ער געלעבט רואיק און זאָרגלאָז. ביז איינמאָל האָט ער, שטייענדיק ביים ברעג טייך, דערהערט אַ הילפס-רוף: ראַטעוועט! איך טרינק זיך! ער איז געווען אַ גוטער שווימער. האָט ער אין וואַסער זיך געוואָרפן און האָט אַ מיידל געראַטעוועט. פון אָנפאַנג האָט ער זי מלאך גערופן. דערנאָך, טייוול! פון אָנפאַנג האָט ער זי פאַר אַ געטין געהאַלטן, דערנאָך פאַר אַן אָפּגאָט. דער אָפּגאָט האָט צופיל קרבנות פון אים פאַרלאַנגט. ער האָט אַלעס פאַר איר אומגעבראַכט. אָבער דער אָפּגאָט, דער טייוול, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אַלץ; האָט פון אים זיין אייגן בלוט פאַרלאַנגט... אים זעלבסט פאַר אַ קרבן... און—ער האָט איר ערלעך געדינט און האָט זיך זעלבסט פאַר אַ קרבן געבראַכט... זיך זעלבסט!... פאַרן טייוול, דעם אָפּגאָט!...

סאָניע: גייט אייך, גייט אייך! ווער וויל אייך דאָ האָבן? נאָר אייגנטלעך זייט איר מיין זיידן געקומען באַזוכן. דאַן וואָס האָב איך דאָ וואָס צו טאָן? אַ גוטע נאַכט! (גיט שטאַרק אַ קלאַפּ מיט דער טיר. מאַיסעיעף ווערט בלאַס. וואַקלענדיק גייט איר נאָך).

מאַיסעיעף: איין ווילע, אָפּגאָט, וואַרט, איילט זיך ניט. איך גיי אויך. איך וועל האָבן די זעלבע ענד, וואָס דער פּאַסטוך... איך וועל... (פאַרשווינדט דורך דער טיר נאָך איר).

פּאַטער: (לויפט אים נאָך): מאַיסעיעף, מאַיסעיעף! (קערט זיך אום): לייצע, וועסט זען, אַז מיט דעם יונג וועט זיך שלעכט ענדיקן...

לייצע: לאָז צורו, טאַטע. זיי האָבן זיך צוקריקט אַליין, און וועלן זיך אַליין איבערבעטן. מיש זיך נישט! און זאָל זיך קיינער ניט מישן!

רבקה: מאַמע, זי איז אַ שלעכטע. אויף אַלעמען איז זי אין כעס, בייז. וואָס מ'זאָל ניט זאָגן, וואָס מ'זאָל ניט ריידן, רק איר געפעלט ניט!...

לייצע: ווייל זי איז אַ קלוגע; אַ קלוגן מענטשן קוקט אויס אַלעס ניט גוט, ניט גלייך...

רבקה: ניין, מאַמע, זי איז אַ שלעכטע, אַן עגאָאיסטקע. זי אַליין רעדט כסדר נאַרישקייטן און פלאַפּלעריי!...

לייצע: ס'איז נאָר געזאָגט, פלאַפּלעריי. זעסט, צו 20 יאָר האָט זי געענדיקט אַקושאָרקע, און דו, מויד, ביזט שוין 16 יאָר, און וואָס האָסטו אויספּעיעט?...

רבקה: איך? מער פון איר. זי איז געגאַנגען אין די קינדער-יאָרן צו די בעסטע לערער, ווייל דאַן זיינען מיר געווען רייכע. און ווען בין איך אַוועק זיך לערנען? מיט דריי יאָר עלטער פון איר. און ניט ביי אַזוינע גוטע לערער ווי זי איז געגאַנגען. דאָך האָב איך דורכגעמאַכט פאָלקס-שול און בין שוין צוויי יאָר בוכהאַלטערין ביים זיידן אין געשעפט.

לייצע: אויך מיר אַ געשעפט! און אויך מיר אַ בוכהאַלטערין!

רבקה: מאַמע, פאַרוואָס ליבסטו סאָניען מער פון מיר. זי באַליידיקט דיך אימער און דאָך— — —

לייצע: ווער זאָגט דיר אַז איך ליב איר און דיך ניט? איר זייט ביי מיר גלייכע קינדער, איך גלייך געטראָגן און געזויגן, מיט מיין בלוט.

רבקה: אָבער דאָך ביזטו צו איר בעסער ווי צו מיר.

פאַטער: זי איז שוין אַ כלה־מויד, פאַרשטייסטו, רבקה?...

רבקה: אַן אָפּגאָט, ווי מאַיסעיעף רופט זי. אה, זי וועט זיך נאָך צו אים קומען בעטן, די כלה־מויד!

לייצע: זיי שטיל, דו קליינע!

רבקה: איך בין שוין באַלד די גרויס ווי סאָניע. אַנדערע מיינען אַז איך בין עלטער פון איר.

לייצע: נו, אפשר לויפן דיר אויך נאָך קאַוואַליערן? (דער אַלטער דרימלט איין זיצנדיק).

רבקה: (פאַרשעמט): די פּריקאַשציקעס פון קעגנאַיבער אונזער קראָם קומען צו מיר אָפּט און ריידן מיט מיר. איינער גיט מיר אַ בלום, אַ צווייטער אַ פּרוכט...

לייצע: טאַטע, גיי, גיי שלאָפן. ס'איז שוין שפּעט!

פאַטער: (דערוואַכט, רייבט די אויגן): איך, איך גיי. גוטע נאַכט, קינדערלעך. גוטע נאַכט. (אָפּ).

לייצע: און וואָס נאָך, רבקהלע? האָט דיר קיינער געזאָגט אַז ער האָט דיך ליב? זאָג דעם אמת, רבקהלע. אַ מאַמען מעגסטו זאָגן. שעם זיך ניט, זאָג!

רבקה: (פאַרשעמט, די קאָפּ אַרונטער): יאָ, מאַמע, אַלע זאָגן זיי האָבן מיך ליב.

לייצע: אַלע? וואָס הייסט אַלע? ליבן קען מען איינעם, ניט אַלעמען.

רבקה: געוויס, איינעם! אָבער יעדער איינער ליבט מיך.

לייצע: (מוטערלעך, גליקלעך): ווי האָבן זיי דיר געזאָגט, רבקהלע? (גלעט איר די האָר).

רבקה: אַלע רופן זיי מיך: בלאָנדער מלאך, מאָרגנשטערן, „אוסטאַטשניק ליובווי" (קוואַל פון ליבע). (פּויזע): אָבער פרעג ניט מער. כ'וועל דיך ניט זאָגן!...

לייצע: איך וועל דיר ניט פרעגן מער. נאָר זאָג מיר: און דו האָסט זיי אויך ליב? כ'מיין איינעם.

רבקה: כ'האָב זיי גיט ליב, ניט ליב, מאַמע. אַלע אַזוינע שלעכטע. נאָר זיי וואָלטן מיך וועלן קושן. אָבער איך גיב אַ פּראַסק ווען זיי ווילן. (הויבט זיך אויף): לאָז מיך צורו, מאַמע, פרעג ניט מער. פאַרוואָס פרעגסטו מיר אַזוי פיל זאַכן?

לייצע: באמת קוקסטו אויס עלטער ווי דיינע יאָרן.

רבקה: יאָ, עלטער? מאַמע! אָבער זיי גלייבן מיר ניט מיינע יאָרן. זיי זאָגן, איך בין עלטער.

לייצע: אָבי דו ווייסט, אַז דו ביזט יונג! דו ביזט אַביסל צו פעט. דערפאַר קוקסטו אויס עלטער פון סאָניען. ס'איז בעסער אויסצוקוקן עלטער מיט ווייניקער יאָרן, איידער יינגער מיט אַ סך יאָרן. כ'על גיין זען וואָס סאָניע טוט. (אָפּ, פּויזע).

רבקה: די מאַמע האָט רעכט. (פרייט זיך): האָב איך אַ קלוגע מאַמע! (ווערט אומעטיק): אָרימער מאַיסעיעף. וואָס ער ליידט פון איר! (פאַרטראַכט זיך): יע, ס'איז אַ פּלאַן. איך מוז זען אויב זי ליבט אים? איך וועל איר אויפּערזיכטיק מאַכן. זאָל זי נאָר אַריינקומען. איך וועל איר שוין אַ שפּיצל אָפּשפּילן. אַך, ס'אַראַ גוטער געדאַנק. (הערט זיך צו): דאַכט זי גייט. (סאָניע קומט אַריין).

סאָניע: זיצסט נאָך דאָ? פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן?

רבקה: (גייט צו צום שפיגל, מאַכט צורעכט אירע האָר): **דאַרף איך דיר רעכענונג אָפּגעבן? פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן?**

סאָניע: גיי! אַניט וועל איך דיר פאַר די האָר אַרויסשלעפּן. (וויל זי שלאָגן. רבקה גיט איר אַ שטויס פון זיך).

רבקה: אַוועק דו יונגע מיט פילע יאָרן! (קאָקעטירט פאַר איר): **איך וואַרט פאַר מיין געליבטן.**

סאָניע: האָסט שוין אַ געליבטן? כאַ־כאַ־כאַ! **זי וואַרט פאַר'ן געליבטן!**

רבקה: וואָס־זשע לאַכסטו, איך האָב מער געליבטע פון דיר. **איך בין שענער און שטאָלצער פון דיר. טו אַ קוק אין שפּיגל: רבקה קוקט אויס עלטער פון סאָניען!**

סאָניע: (באַקוקט רבקהן, ווי זי וואָלט זי צום ערשטן מאָל דערזען): קוקסט ווירקלעך אויס עלטער ווי דיינע יאָרן.

רבקה: זעץ זיך, סאָניע, איך וויל דיר וואָס פרעגן. **אָבער ענטפער מיר. נאָר היט זיך פאַר מיר ניט צו לאַיגן, ווייל איך קוק אויס עלטער מיט וויניק יאָרן.** (מאַיסעיעף קומט אַריין).

סאָניע: (שפּרינגט אויף): ווידער זייט איר דאָ? **ווער בעט אייך אַהער קומען? דער זיידע שלאָפט שוין. גייט זיך אייך. מיר גייען שלאָפן!**

מאַיסעיעף: איר טרייבט מיך? איר רעדט פון שלאָפן? **איר קענט שלאָפן. איר שלאָפט זיך גאַנץ געשמאַק און חלומט. אין דער זעלבער צייט בלאָנדזשע איך אַרום ווי אַ שאָטן און ווייס ניט וואו איך גיי, וואו איך שטיי. ווער דאַרף מיך? ווער וויל מיך? פיל מאָל וויל איך זיך נעמען דאָס לעבן, בין איך שוואַך פאַר דעם. איך קען דאָס ניט! פּשוט איך קען ניט!**

סאָניע: ווער וויל דאָס וויסן? **האָט איר מיר געפּרעגט? אָדער האָב איך אייך געהייסן מיר ליב צו האָבן. גייט! דער זיידע שלאָפט שוין!**

מאַיסעיעף: ווארום האָט איר מיר געגעבן די געלעגנהייט צו אייך זיך אַזוי צוגעוואוינען? **ווארום האָט איר גאַנצע צוויי יאָר מיך איינגעלאַדן אין אייער הויז? ווארום האָט איר דאָס געטאָן?**

רבקה: זי איז ניט שולדיק. **זי איז דאָך יונג און אומדערפאַרן — כאָטש אין יאָרן — — —**

מאַיסעיעף: זייט איר איר פאַרטיידיקערין? **איר זייט דאָך יינגער פון איר!**

רבקה: קוק איך אויס יינגער פון איר? **אַנו קוקט אויף איר און קוקט אויף מיר. ווער קוקט אויס עלטער?**

סאָניע: גייט, מיר ווילן שלאָפן גיין. **דער זיידע שלאָפט שוין. איר האָט ניט וואָס אייינצוהערן זיך, וואָס די ווילדע ציג פּלאַפּלט.**

רבקה: ווארום זאָגסטו עס מיר? **איך וויל נאָך ניט שלאָפן גיין, און ווארום זאָגסטו אים, דער זיידע שלאָפט? דענקסטו אַז נאָר אַלטע קענען אים ליבן? אויך יונגע קענען אים ליב האָבן...**

סאָניע: מאַיסעיעף: (איפּערזוכט פּילט זיך אין די רייד): **גייט שוין אַוועק!**

רבקה: מאַיסעיעף, דערציילט מיר די מעשהלע, „דער פּאַסטוך און זיין אָפּגאָט". איך וויל נאָך ניט שלאָפן, און וויל דאָס געזן הערן. **ווע**ט איר?

סאָניע: וואָס? דו קליינע שלאַנג! **דו האָסט זיך צופיל קעגן מיר געשטעלט... וועסט היינט טייער באַצאָלן. געדענק, רבקה!...** (פאַרקלאַפּט די טיר הינטער זיך. אָפּ. פּויזע).

(פאַרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).